STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06898

A KOP FUN A IDN

Solomon Davidman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-06898-5

D:\YIDDISH\Titles\9780657068981T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

די דערציילונג, וואָס יעדער איד דאַרף לייענען!

די דערציילונג, וואָס העלפט שאַפן אייניקייט!

שלמה דאַווידמאַן

אַ קאָפּ פון אַ אידן

(ווי אַזוי דזשוליוס איז ווידער געוואָרן אַ איד)

פילם-דערציילונג פון אַ שחיטה

פאַרלאַג
„סאָבוויי-
ביבליאָטעק"

נומערן: 35-42

צייכענונגען

פון

ישראל'יק דאַווידמאַן

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK 369

ניו־יאָרק, 1943

אַ קאָפּ פון אַ אידן

1

אַ גאַנצע נאַכט האָט געשאָטן אַ שניי. רואיק און ווייך האָט זיך דער שניי אַרונטערגעלאָזט. און רואיק און ווייך האָט ער זיך אַוועקגעלייגט איבער די גאַסן און אויף די דעכער פון ניו־יאָרק.

אינדערפרי האָט שוין אַ שטאַרקע ווייסקייט זיך אַריינגעשניטן דורך די פענצטער און געוועקט די מענטשן.

אויך מיסטער דזשוליוס דזשעקסאָן האָט געכאַפּט אַ ווייסן שאַרפן שניט אין די אויגן פון דרויסנדיקן שניי. ער האָט זיך מיט־אַמאָל אַ הויב געטאָן פון בעט. ער האָט זיך גוט אויסגעריבן די אויגן מיט די פינגער און מיט די גרויסע אויסגעשטעלטע אויגן באַוואונדערט דעם שיינעם שניי, זיך צעשמייכלט, זיך אַרומגעוויקלט מיטן בלויען שלאָף־ראָק און זיך אַוועקגעשטעלט בײַ דעם פענצטער באַוואונדערן די שיינע וועלט.

זיין צווייטע יונגע פרוי מאַרטאַ איז אַריינגעקומען פון צווייטן צימער. זי האָט זיך לעבן אים צוגעשטעלט, זייער נאָענט צוגעשטעלט און אויך געקוקט אויפן ווייסן דרויסן.

— מאַרטאַ, דער שניי, וואָס לייגט זיך אַזוי אויף די דעכער, דערמאָנט מיר אין מיין שטעטל אין אוקראַינע. אויך דאָרטן פלעגט זיך לייגן אַזאַ שניי אויף די נידעריקע דעכער. ניט מער, דאָרטן זיינען די הייזער געווען אָרימע, אַלטע, און דאָ זיינען אַרום נייע הייזער, שיינע הייזער מיט גערטנער אַרום. ווען מיר ווייסן ניט, אַז דאָס איז אַ געסל אין די קווינס, וואָלטן מיר געקענט מיינען, אַז מען האָט אַריבערגעפירט מיין שטעטל אַהער, לעבן ניו־יאָרק, אי־בערגעבויט די הייזער, געמאַכט גערטנדלעך אַרום און שיין געפּלאַס־

טערט די גאַסן . . . דער שניי איז דער זעלביקער שניי, וואָס אויף אוקראַינע . . .

— דזשוליוס, טייערער, פרישטיק איז גרייט, קום עסן! — האָט זי אים אַ גלעט געטאָן איבערן פּנים. און בשעת מעשה האָט זי קאָקעטיש אַ דריי געטאָן מיטן קעפּל, אַ שמייכל געטאָן, די אויירינג־לעך האָבן זיך צעהוידלט און צעבלישטשעט. דאָס זיינען טאַקע די נייע אויירינגלעך, וואָס מאַרטאַ האָט זיך נעכטן אויסגעקליבן אין זייער אייגענער „דזשועלערי סטאָר". און מאַרטאַ האָט זייער געוואָלט, אַז דזשוליוס זאָל איר זאָגן, אַז די נייע פּערלמוטערנע אויירינגלעך פּאַסן איר זייער צו איר ווייסן פּנים. נאָר דזשוליוס האָט זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן פון פענצטער:

— דו ווייסט, מאַרטאַ, די שנייעלעך לאָזן זיך אַרונטער פון הימל, ווי קליינע פּאַראַשוטלעך פון עראָפּלאַנען. זיי נעמען איין די ערד און מאַכן זי ווייס, שיין, קלאָר. נאָר סיאיז מלחמה אויף דער וועלט, אַ שרעקלעכע מלחמה!

— וואָס־זשע קאָנען מיר טאָן? מיר קאָנען ניט אָפּשטעלן די מלחמה. מיר טוען אַלץ אין אונדזערע מעגלעכקייטן: מיר זאַמלען אַלערליי נויטיקע זאַכן, וואָס מען הייסט אונדז. קיין פעטס גיסן מיר ניט אַרויס. מיר קויפן „באָנדס", מיר גיבן אויף אַלערליי רעליף־פאָנדן, וואָס נאָך זאָלן מיר טאָן? — האָט זיך מאַרטאַ צערעדט פאַר איר מאַן. זי האָט גערעדט מיט צוויי צעשפּרייטע הענט, ווי זי זאָל האָבן צו אים טענות, וואָס ער האָט היינט אַוועקגעגעבן צופיל אויפ־מערקזאַמקייט דעם דרויסן, דעם שניי, דער מלחמה, און ער גייט נאָך ניט עסן קיין פרישטיק און זאָגט איר קיין וואָרט ניט וועגן די נייע אויירינגלעך . . .

אויפן ברויגעם קעסטלדיקן קיך־טיש איז שוין אַלץ געווען אויסגעשטעלט: אייער, קעז, פּוטער, ברויט, קיילעטשלעך און בייגל; געדויכערטע פישלעך, לאַקס און שטיקלעך שמאַלץ־הערינג מיט דינע רייפטלעך ציבעלע און מאַסלינעס; אַ גלאָז מאַראַנצן־זאַפט און אַ גלאָז וואַסער, אַ בלויע אויסגעפּרעסטע סאַלפעטקע און גאָפּל, מעסער, לעפל און לעפעלע.

אויפן אויוון האָט זיך געבולבלט די קאַווע אין גלעזערנעם קאַוועניק אויף אַ קליין פייערל. אויף אַ צווייטן פייער האָט זיך שוין געקאָכט אַ טעפּל מיט פליישׁ פאַר די קלענערע קינדער, וואָס קומען מיטיק־צייט אַהיים עסן פון סקול.

אומעטום איז געווען ציכטיק אַרומגעראמט. מען קאָן צו מאַר־טאַ׳ן קיין טענות ניט האָבן. זי האַלט ריין אַ הויז. ס׳איז אמת, אַז זי האָט טאַקע אַ דינסט־מיידל, וואָס העלפט איר אַרויס, נאָר מען דאַרף אַליין אויך צולייגן אַ האַנט, אַז מען וויל דאָס הויז זאָל שמעקן.

מיסטער דזשוליוס דזשעקסאָן האָט אָנגעהויבן עסן פרישטיק. אין מיטן עסן האָט ער זיך דערמאָנט אין זיינע געשעפטן, אין זיין „דזשולערי־סטאָר”. האָט ער שוין מער צו זיין פרוי ניט גערעדט. ער האָט אָנגעהויבן עסן שנעלער, שלינגען: זייגערלעך, פינגערלעך, אויריינגלעך, בראַסלעטן, מגן־דוד׳ס און צלמ׳לעך האָבן אָנגעהויבן פליען אין קאָפּ אַריין: די מלחמה האָט אים אָנגעמאַכט אַ ריי שווע־ריקייטן. אייניקע אַרטיקלען קאָן מען שוין ניט קריגן. אָבער ס׳איז נאָך דאָ גענוג, גענוג. האָט ער שוין קיין צייט ניט צו עסן רואיק, שלינגט ער . . .

מאַרטאַ, זיין פרוי, עסט רואיקער. זי עסט און קוקט אַריין אין איר טעלערל. זי וויל ניט קוקן אויף איר מאַן. כאָטש אזוי איז ער

זייער אַ גוטער. זי האָט אַלץ, וואָס זי פאַרלאַנגט. נאָר אויפמערקזאַמ־קייט, מאַן-אויפמערקזאַמקייט פעלט איר אויס. שטענדיק איז ער פאַרנומען מיט געשעפטן. זי האָט אים שוין אַ פּאָר מאָל געזאָגט, נאָר עס העלפט ניט קיין זאָגן. אָט האָט ער אפילו ניט באַמערקט די נייע אוירינגלעך אויף אירע אויערן . . .

דזשוליוס האָט זיך אָנגעהויבן אָנטאָן. נאָך אַלץ געכאַפּט אַלע־מאָל אַ קוק אין דרויסן. דער שניי האָט אים געצויגן. ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי זאָל ער אַרויסנעמען דעם אויטאָמאָביל, צי ניט. ניין, ער וועט ניט אַרויסנעמען. ס'איז שנייאיק און גליטשיק. מען דאַרף אָפּהיטן די גומענע רעדער. מען דאַרף זשאַלעווען גאַ־זאָלין. ער וועט פאָרן מיט דער סאָבוויי. שוין לאַנג ניט געפאָרן מיט דער סאָבוויי . . .

2

דער עקספּרעס איז געווען געפּאַקט מיט פּאַסאַזשירן. פאַרשיידענע מענטשן: אידישע און ניט-אידישע, מענער, פרויען און יוגנטלעכע. מען איז געפאָרן צו דער אַרבעט אין ניו־יאָרק. מען איז געפאָרן אין די לערן־אַנשטאַלטן, אין די פאַרשיידענע דעפּאַרטמענט־סטאָרס, אָפיסעס. אַזוי פיל מענטשן פון די קווינס, ווייזט אויס, פאָרן אַלע טאָג קיין ניו־יאָרק.

מיסטער דזשוליוס דזשעקסאָן האָט זיך גע'חידוש'ט. ער איז שוין לאַנג ניט געפאָרן מיט דער סאָבוויי. ער פאָרט שטענדיק קיין ניו־יאָרק מיט זיין אויטאָמאָביל, האָט ער שוין פאַרגעסן. און עס קאָן זיין, אַז ער האָט גאָר געמיינט, אַז אַלע מענטשן אין די קווינס האָבן אייגענע הייזער, ווי ער, און אויב זיי האָבן ביזנעס אין ניו־יאָרק, פאָרן זיי מיט

זייערע אויטאָמאָבילן.

און ס'איז דאָך אַזוי טונקל און ענג אין וואַגאָן, און מענטשן לייענען ציייטונגען. זיי לייענען שטייענדיק. זיי לייענען אָנגעשפּאַרט אויפן צווייטנס פּלייצעס. מען שאָקלט זיך, אָנגעטשעפּעט מיט א האנט אין אַ לעדערנער פּעטליע, העננט מען און מען לייענט. מען לייענט מערסטנס ענגלישע צייטונגען. נאָר וואו־ניט־וואו וואַרפט זיך דורך אַן איטאַליענישע, אַ גריכישע, אַ פּוילישע און אַ אידישע צייטונג.

מיסטער דזשוליוס דזשעקסאָן האָט שוין לאַנג ניט געלייענט קיין אידישע צייטונג. ניט דערפאר, וואָס ער קאָן ניט לייענען קיין אידיש. ער קאָן גראַדע יאָ. און ניט דערפאַר, וואָס ער האָט פיינט אידיש. וואָס האָט ער קעגן אידיש? — נאָר ס'קומט פּשוט ניט אויס. אין סטאָר קאָן מען דאָך קיין אידישע צייטונג ניט אַריינגעמען. ס'אַ גרויסע סטאָר, אַ גרויסע „דזשולערי"־סטאָר מיט גאָלד, זילבער און בריליאַנטן. עס קומען אַריין פאַרשיידענע קונים, סוחרים, מעקלער, סעילסלייט, — קאָן מען קיין אידישע צייטונג ניט אַריינגעמען. און אין הויז קומט דאָך ניט אַריין קיין אידישע צייטונג. ווער וועט זי לייענען אין דער היים? — קיינער קאָן ניט לייענען קיין אידיש אין זיין הויז, ניט זיין פרוי און ניט זיינע קינדער.

אָט איצט דערמאָנט ער זיך, אַז ער האָט גאָר געהאַט אַמאָל צוויי שאַפעס מיט אידישע ביכער, שיינע, געבונדענע. ניט אַלע האָט ער געלייענט. נאָר עפּעס האָט ער יאָ אַמאָל אַריינגעקוקט אין די ווערק פון מאָריס ראָזענפעלד, שלום־עליכם, דוד עדלשטאַט און פּרץ. וואוהין זיינען אַהינגעקומען זיינע ביכער?

אַך, ווי די ביזנעס האַלטן אים פאַרביזנעוועט, אַז ער האָט גאָרניט באַמערקט און קיינמאָל ניט געפרעגט זיין פרוי וועגן זיינע אידישע

ביכער.

ווען זיין ערשטע פרוי, מירל, האָט נאָך געלעבט, איז ער ניט געוועזן אַזוי רייך. ער איז נאָך געווען אַ שטיק זייגערמאַכער. זי, זיין מירל, און ער, פלעגן אַמאָל לייענען צוזאַמען אַ אידישע צייטונג, אַ בוך. און פון זינט זי איז אים אָפּגעשטאָרבן, איז, ווייזט אויס, אַלץ געוואָרן אַנדערש . . .

דערווייל האָט זיך דער עקספּרעס געגעבן אַ שטאַרקן פאַרקערעווע. דער אָנגעשטאָפּטער וואַגאָן מיט פּאַסאַזשירן האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. און אויך מיט דזשוליוס'ן האָט עס געגעבן אַ שטאַרקן וואָרף, אַז ער וואָלט געקאָנט אַוועקפאַלן, ווען קיינער שטייט אים ניט אין וועג. זיין גליק, וואָס ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ רואיקן אידן, וואָס האָט זיך געלייענט אַ אידישע צייטונג. האָט יענער בלויז אומגעקערט דעם קאָפּ, אָפּגעמאָסטן דזשוליוס'ן מיט אַ בייזלעכן פראַגעבליק, ווי איינער רעדט: „וואָס־זשע, איר ווייסט גאָר ניט, אַז מען דאַרף זיך שטאַרק אָנהאַלטן אָן עפּעס, אַז מען וויל ניט פאַלן אויף יענעם?״ — און דער איד האָט זיך ווידער אַוועקגעקערט און ווייטער געלייענט זיין צייטונג.

דזשוליוס האָט זיך געוואָלט אַנטשולדיקן, פאַרענטפערן פאַר זיין ניט־פאַרזיכטיקייט, ניט־דערפאַרנקייט, אָבער גיי רעד צו אַ פּלייצע און צו אַ קאַפּעליוש, אַז קיין פּנים זעט מען שוין ניט.

איז דערפאַר, האָט דזשוליוס געטראַכט, זאָל ער כאָטש גוטמאַכן מיט דעם, וואָס ער וועט פונדערווייטנס אַריינקוקן אין דער אידישער צייטונג. ער איז גאָרניט אַזאַ שלעכטער מענטש, טראַכט ער באַ זיך, ער וויל זיך גאָר ניט אַזוי דערווייטערן פון אידן. פאַרקערט, ער האָט זייער פיל אידן צווישן זיינע גאָלד־סוחרים, די אַרבעטער אין זיין

סטאָר זיינען מערסטנס אידן. נאָר אַלץ אַזעלכע אידן, וואָס ריידן ניט קיין אידיש און לייענען ניט קיין אידישע צייטונג. וועט ער איצט דערפאַר אַריינקוקן אין דעם אידנ׳ס צייטונג.

ער לייענט די קעפּ און די קעפּלעך: מלחמה־נייעסן. נו, מלחמה־נייעסן זיינען דאָך דאָ אין אַלע צייטונגען. דרעפט־נייעסן, נו, דרעפט־נייעסן זיינען דאָ אין די ענגלישע צייטונגען. ער זוכט עפּעס מיט די אויגן אַ ספּעציעל־אידישע נייעס. און אָט גיט אים אַ זעץ אין פּנים אַריין, עפּעס אַ מין שאַרפער שניט אין די אויגן אַריין, ווי מיט אַ שווערד: „אַ קאָפּ פון אַ אידן!" ער קוקט נאָכאַמאָל, אמת: „אַ קאָפּ פון אַ אידן!” . . .

מיטאַמאָל האָט זיך דער צוג געגעבן אַ שטאַרקן שטעל־אָפּ מיט אַ טראַסקעריי, אַ פייפעריי. די טירן האָבן זיך ברייט צעפּראַלט. אַלע פּאַסאַזשירן האָבן זיך אַרויסגעשאָטן און אָנגעהויבן לויפן. דער איד מיט דער אידישער צייטונג איז אַרויס און אָנגעהויבן לויפן, ווי אימיצער זאָל אים יאָגן.

זע נאָר, האָט זיך מיסטער דזשוליוס דזשעקסאָן אַרומגעקוקט, ער איז דאָך שוין אויף טאַימס־סקווער סטאַנציע. שוין לאַנג ניט געווען אויף דער סטאַנציע. אַ מין געדראַנג פון מענטשן ס׳איז דאָ. אַ מין ענגשאַפט. ער איז שוין אָפּגעוואוינט פון דעם. אַז ער פאָרט גאָר שטענדיק פון זיין הויז מיט זיין אויטאָמאָביל אין סטאָר אַריין. און אַזוי פיל סאָלדאַטן, מאַטראָסן, אָפיצערן, ס׳אַ מלחמה.

לאַנג האָט מיסטער דזשוליוס דזשעקסאָן ניט געקענט אַזוי שטיין. מען האָט אים געשטורכעט און געשטופּט. ער איז אַרויף מיטן שטראָם מענטשן אויף די טרעפּ און זיך געלאָזט אין גאַס אַריין.

3

ער איז אַריין אין זיין „גאָלדן-געשעפט" אויף דער 42־טער גאַס לעבן בראָדוויי. זיין פאַרוואַלטער, די פאַרקויפער, די בעלי־מלאָכות זיינען שוין געווען באַשעפטיקט בא זייערע אַרבעטן. מען האָט געפוצט, מען האָט איבערגעלייגט פון שאַכטל צו שאַכטל, מען האָט געקוקט אויף גרויסע טיפע גלעזער, געשרויפט, געשלייפט, די־מענטן געזעצט, — דאָס „גאָלדן־געשעפט" איז אָנגעגאַנגען.

„גוט-מאָרנינג, מיסטער דזשעקסאָן, גוט־מאָרנינג".

„גוט־מאָרגן, מיסטער דזשעקסאָן, אַ שיינער טאָג היינט!"

„גוט־מאָרגן, מיסטער דזשעקסאָן, וואָס פאַר אַ שיינער שניי!"

פון אַלע זייטן האָבן אים אַלע זיינע מענטשן באַגריסט מיט אַ שמייכל, זיך געבויגן, גענויגט צום באַלעבאָס.

נאָר היינט האָט דעם באַלעבאָס געפעלט דער שטענדיקער שמייכל. ער האָט היינט בלויז געענטפערט אויף די באַגריסונגען מיט אַ באַוועגונג פון די ליפּן, מיט אַ קוימיקן שאָקל מיטן קאָפּ. בלאָס האָט ער אויסגעקוקט, פאַרטראַכט און אומצופרידן.

די בעלי־מלאָכות מיט די משרתים האָבן זיך איבערגעקוקט, פאַרקרעמפּעוועט די ליפּן, געפינטלט מיט די אויגן, געקנייטשט מיט די פּלייצעס: דאָס איז געווען אַזאַ שטומער שמועס. עפּעס וואונדערן זיי זיך. עפּעס איז געשען מיט זייער באַלעבאָס. זייער באַלעבאָס איז גראַדע אַ פיינער, אַן אינטעליגענטער. שרייט קיינמאָל ניט, בייזערט זיך ניט. ער איז זייער מענטשלעך. נאָר ס'קען זיך טרעפן, אַז ער איז עפּעס אַריין אין אַ צרה. אפשר באַנקראָטירט? — עפּעס איז געשען.

ווי אַלע אינדערפרי, איז אויך היינט דער פאַרוואַלטער גלייך

נאָכגעגאַנגען דעם באַלעבאָס און אים באַגלייט אין זיין אָפיס אריין. ער האָט, ווי אלע אינדערפרי, נאָכגעטראָגן אַ רייע פּאַפּירן, באַשטעלונגען, בריוו פון פאַרשיידענע פירמעס, זשורנאַלן און צייטונגען. נאָר היינט איז ער אים נאָכגעגאַנגען נערוועזער, דערשראָקענער, און אַז מיסטער דזשוליוס דזשעקסאָן האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן שטול און געקוקט עפּעס אין ניט־קיין־באַשטימטער ריכטונג פאַרטראַכט, האָט דער פאַרוואַלטער שטיל אַרויסגעשעפּטשעט, ווי ניט־וועלן שטערן מיט אַ הויך וואָרט: „סאָמטינג וראָנג, מיסטער דזשעקסאָן, טראָבל?"

ערשט איצט האָט זיך דזשוליוס געגעבן אַ כאַפּ אויף, ווי פון אַ שלאָף, אַ קוק געטאָן אויף זיין פאַרוואַלטער, אַרויסגעצויגן אַ געצוואונגען שמייכעלע פון זיינע ליפּן, גענומען די פּאַפּירן פון פאַרוואַלטערס הענט און זיי אַוועקגעלייגט אויף דעם טיש.

דער פאַרוואַלטער איז שוין געווען בײַ דער טיר. ער האָט געוואָלט לאָזן דעם באַלעבאָס אַליין, אפשר וועט זיין בעסער אַזוי, נאָר דער באַלעבאָס האָט אים גערופן צוריק:

— מיסטער קאַופמאַן — האָט דער באַלעבאָס אָנגערירט זיין פאַרוואַלטער׳ס פּלייצע — איך מוז נויטיק ערגעץ צוגיין, ענטפערט אין מיין נאָמען אַלע בריוו, ווי איר פאַרשטייט, איך קען זיך פאַרלאָזן אויף אייך! . . .

און ער האָט צוריק אַרויפגעצויגן זיין קאַפּעליוש און זיך געלאָזט איבער דעם גרויסן געשעפט גיין צו דער טיר. אויפן וועג האָט ער יעדן איינעם געשענקט אַ בליק, אַ שאָקל, און אַפילו צוגעוואָרפן א שמייכל, אַ שמייכל אַ געווינלעכן . . .

און ווען ער איז אַרויס, האָבן זיך זיינע „מענטשן" געשושקעט צווישן זיך: „עפּעס אַ צרה, אפשר באַנקראָט, אויב ניט קיין בלאָנדע?"..

4

מיסטער דזשוליוס דזשעקסאָן האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויף דער צווייטער עוועניו און דער פערצנטער גאַס. אָט דאָרטן האָט ער אַמאָל — מיט אַ 20 יאָר צוריק — געהאַלטן אַ זייגערמאַכעריי. דאָרטן האָבן זיך אָנגעהויבן זיינע גרויסע פאַרדינסטן אין אַמעריקע. געוואוינט האָט ער אויך אין דער געגנט. עס פלעגן צו אים אַריינקומען פאַרשיידענע אידישע ראַדיקאַלן און ליבעראַלן. ער פלעגט זיי פאַרריכטן די זייגערלעך אומזיסט. ער האָט ליב געהאט זיך צוצוהערן צו זייערע רייד. ער האָט זיי באַוואונדערט: אָרימע מענטשן, מאַטערן זיך דורכצושטופן אַ טאָג, און ריידן מיט אַזעלכע פייערדיקע אויגן וועגן אַ שיינער צוקונפט, ווען עס וועט ניט זיין קיין אָרים און רייך. זיי האָבן גערעדט און ער האָט געאַרבעט, געקויפט און פאַרקויפט דימענטן, בריליאַנטן. זיי זיינען געבליבן אָרים און ער איז טאַקע געוואָרן רייך.

איז איצט דזשוליוס געקומען אַהער זיך דערמאָנען אַביסל אין זיין נאָענטער פאַרגאַנגענהייט. ער האָט אַרומגעשפאַצירט אין שניי. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער דערקענט זייער פיל מענטשן. ער זעט די זעלביקע טרעמפס, וואָס אַמאָל. ער זעט די זעלביקע טרעגער פון גרויסע שילדן, וואָס אַמאָל. די שילדן זיינען גרעסער פון די מענטשן. ער זעט די בייגל-פאַרקויפערינס אין די ווינקלען פון די ראָגן. ניט מער, אייניקע סטאָרס זיינען איבערגעבויט געוואָרן, שענער, גרעסער. דער סאַלון איז פול מיט מענטשן, ווי אַמאָל. סאָלדאַטן און מאַטראָסן דרייען זיך אַרום, ווי אין דער לעצטער וועלט-מלחמה. דאָ און דאָרטן באַווייזט זיך אַן אַלטער באַוואַקסענער פילאָסאָף מיט אַ באָרד און לאַנגע האָר אויפן קאָפ מיט אָנגעפאַקטע קעשענעס מיט צייטונגען.

אַרום דער צען־סענטיקער מואווי־הויז איז נאָך אַלץ שמוציק. אַ פּלעשל פון שנאַפּס ליגט לעבן טראָטואַר. און עס שטייען נאָך די פּעדלער מיט שנירלעך און ראַזיר־מעסערלעך און קוקן מיט צעשראָקענע אויגן, צי ס'קומט ניט אָן פון ערגעץ אַ פּאָליסמאַן. דער אויטאָמאַט־רעסטאָראַן איז איבערגעבויט געוואָרן און איז פול מיט עסערס.

און דאָרטן, וואו זיין זייגערמאַכעריי איז געשטאַנען, איז גאָר אַ גרויסע שוסטעריי. איטאַליענער קלאַפּן די שטיפּטלעך אויף שנעל. פּוצן און רייבן די שיך אויף שנעל־לויפנדיקע לעדערנע פּאַסן. זיי פּאַרריכטן שיך אויף גיך. אויסגעפּוצטע אין גרינע כאַלאַטן, קוקן זיי אויס, ווי שיך־דאָקטוירים, ניט קיין שוסטערס. און באַלד טאַקע שטייט אַ גרויסע „ספּאַגעטי־הויז". מען שלינגט לאָקשן און ס'גייט א רויך פון די עסנוואַרגן. דער גראָבער קוכער מיט דער ברייטער ווייסער יאַרמולקע אויפן קאָפּ, מיט אַ האַנטוך אַרום האַלדז, מיט גרויסע וואָנצעס, פּאָכעט זיך, בלאָזט פון זיך, קאָכט זיך און קאָכט מאכלים.

אַ שטיק קוני־איילאַנד מיט דער „פּעני־ארקייד" איז אַריינגעזעצט אין מיטן. פּאַר אַ פּעני זעט מען די גאַנצע וועלט. מען קען שיסן און שפּילן פּאַר אַ פּעני. שטענדיק שפּילט עס פון דאָרטן אַרויס און ציט נאַאיווע מענטשן און קינדער אַריין און גיט זיי פּאַר אַ פּעני פרייד.

און אָט באַווייזט זיך דער אַלטיטשקער מיט די אידישע צייטונגען. ער לעבט נאָך דער אַלטיטשקער. ער געדענקט אים, דעם אַלטיטשקן, עפּעס איז ער גאָרניט פיל עלטער געוואָרן, נאָר אַביסל איינגעבויגענער. ער שרייט שוין ניט אַזוי הויך, ווי ער פלעגט אַמאָל שרייען: „אַ הייסער „פּאָרווערטס", נאָר־וואָס פון אויוון אַרויס". איצט שעפּטשעט ער שטיל. און אפשר דערפאַר, וואָס ס'איז קאַלט, ער רעדט

קוים אַרויס: „אַ אידישע צייטונג „פאָרווערטס״, „טאָג״, „מאָרגן־זשורנאל״, „מאָרגן־פרייהייט״.

דזשוליוס דערמאָנט זיך איצט, אַז ער איז דאָך געפאָרן מיטן מיין צו קויפן אַ אידישע צייטונג און לייענען די באַשרייבונג „אַ קאָפּ פון אַ אידן״, וואָס ער האָט געזען אין יענעם אידנ׳ס צייטונג אין סאָבוויי, און גאָר שיעור־ניט פאַרגעסן. די 14־טע גאַס, זיין אַלטע פערצנטע גאַס האָט אים פאַרפירט. ער איז צו צום אַלטן און זיך געהייסן געבן אַלע פיר צייטונגען און אים דערלאַנגט אַ דאָלער. דער אַלטער האָט אים געוואָלט געבן אויסגאָב, נאָר דזשוליוס האָט א מאך געטאָן מיט דער האַנט און איז אַוועק. דער אַלטער איז אים נאָכגעגאַנגען אַ פּאָר שפּאַן, געקוקט אויפן דאָלער, אים געדאַנקט פאַרן געשאַנק און העכער געהויבן זיין שטימע.

5

דזשוליוס איז אַריין אין אַ אידישן רעסטאָראַן, זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און איינגעגראָבן זיין קאָפּ אין די אידישע צייטונגען. ער האָט געזוכט און געזוכט די באַשרייבונג, ביז ער האָט זי ענדלעך געפונען:

אַ קאָפּ פון אַ אידן!

(אַ געשיכטע פון אַ שחיטה אין אַ אוקראַאינישׁ שטעטל, דערציילט פון איינעם, וואָס האָט עס אליין איבערגעלעבט, און זיך געראַטעוועט דורך אַ נס).

אויפן דריטן טאָג פון אַריינמאַרש פון די נאַציס אין שטעטל איז דאָס געשען. מען האָט אַלע איינוואוינער באַפוילן אַרויסצוקומען הינ־

טער דער שטאָט, אויפן גרויסן פּלאַץ לעבן אידישן בית-עלמין. אַ טיפע גרוב איז [illegible]ען אויסגעגראָבן אין דער פאָרמע פון א „ח״ (כעס). [illegible] ערד איז נאָך געלעגן פריש אָנגעוואָרפן. ניט־לאַנג צוריק האָט מען דאָ געאַרבעט. לעבן [illegible] פאַרמאַכטער זייט פון דער „ח״ איז בלויז געווען אויסגעגראָבן אַ [illegible]רוב פאַר איין מענטשן.

די אידן האָט מען געהייסן אַרויסגיין פאָראויס און זיך שטעלן לעבן גרויסן גרוב. הינטער [illegible]י אידן האָט זיך אויסגעשטעלט די קריסטלעכע באַפעלקערונג. אַדרבה [illegible] מענגעס זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט די זעלנער מיט ביקסן, אָנגעשטעלט צו שיסן. באַ די זייטן זיינען געווען צעשטעלט קוילן־וואַרפער.

ניט ווייט פון דער פאַרזאַמלונג זיינען געשטאַנען עטלעכע טראָקס אָנגעפילט מיט ספר־תורות, גמרות, מחזורים, חומשים. מען האָט אויסגעליידיקט אַלע דריי בתי־מדרשים. אויף איין טראָק איז געווען אָנגעוואָרפן די גאַנצע שטעטלשע אידישע ביבליאָטעק. ביכער פון מענדעלע, פרץ און שלום-עליכם ביז די אינגסטע סאָוועטישע אידישע שרייבער. אידישע ביכער פון אמעריקאַנישע אידישע שרייבער און פון אַנדערע טיילן פון דער וועלט. אויף אַנדערע טראָקס זיינען געווען אָנגעוואָרפן העברייאישע און אידישע ביכער, סידורים און בראָשורן, וואָס מען האָט צונויפגעקליבן אין יעדער אידישער הויז.

מען האָט באַפוילן דעם רב אַרויסגיין פאָראויס. מען האָט אים צוגעפירט לעבן באַזונדערן גרוב. מ׳האָט אים דערלאַנגט אַ תורה אין דער האַנט אריין. מען האָט זיי בײדן איינגעוויקלט אין אַ טלית. דער גאַנצער עולם איז געשטאַנען פאַרשטיינט. קיין שאָרך האָט זיך ניט געהערט.

דער נאַצי־קאָמענדאַנט האָט באַפוילן און דער אָרקעסטער האָט

אַנגעהויבן שפּילן אַ טרויער־מאַרש. טרערן האָבן געראונען פון פאָלק, נאָר מ׳האָט מורא געהאַט צו וויינען. אָפּגעשפּילט, דער קאָמע־דאַנט געהאַלטן אַ רעדע:

„אידן, פאַרשאָלטענע אידן!

„איר ברענגט אַלע אומגליקן אויף דער וועלט. איצט איז גע־קומען די צייט צו פאַרניכטן אייך, אָפּווישן פון דער ערד. און אויב אייער גאָט האָט אייך „אויסגעקליבן פון אַלע פעלקער," זאָל ער אייך העלפן.

„געקומען זייט איר אָרעמע און נאַקעטע פון דעם אַראַבישן מדבר, און אָרעמע און נאַקעטע וועט איר צוריק גיין אין דעם אַראַבישן מדבר. איר וועט גיין צוריק מיט אייער גאַנצער קולטור, וואָס איר האָט געשאַפן פון משה רבינו ביז קאַרל מאַרקס, ביז אַל־בערט איינשטיין, ביז קאַהאַנאָוויטש׳ן.

„סיידן, סיידן, דער רב וועט באַווייזן אַ וואונדער" . . .

און מען האָט באַפוילן דעם רב אַריינקריכן אין גרוב אריין מיט דער ספר־תורה. דער רב איז אַריינגעקראָכן און געבליבן שטיין מיט דער תורה אין די הענט. בלויז דער קאָפּ האָט זיך אַרויס־געזען. דער רב האָט אויסגעשטעלט גרויסע גלעזערנע אויגן צום הימל אַרויף. די רעכטע האַנט אויסגעשטרעקט צום הימל און גע־מאָנט און געבעטן, נאָר קיין הילף איז ניט געקומען.

דער קאָמענדאַנט האָט געלאַכט אויף אַ הויכן געלעכטער. ער האָט באַפוילן אַלע נאַצישע זעלנער און די קריסטן צו לאַכן הויך, אויף אַ הויכן געלעכטער.

קליינע קינדער, אידישע קינדער, האָבן ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר, וואָס פאַר אַ ספּעקטאַקל די היטלערס פירן דורך,

האָבן זיי אָנגעהויבן צו וויינען.

דער קאָמענדאַנט האָט באַפוילן:

„איינשטילן אָדער דערשטיקן!"

און פאַרגליווערטע, איינגעטוליעטע אין זייערע מאַמעס, זיינען געבליבן שטיין די קליינע אידישע קינדער.

„און אויב דער רב קאָן גאָרניט אויסבעטן באַ אייער גאָט, זאָלן אַלע אידן, וואָס גלויבן אין משה'ס תורה, נעמען תורות פון טראָק און זיך אַריינשטעלן אין גרויסן גרוב און בעטן שטאַרקער, אפשר וועט אייך אייער גאָט דערהערן!"

און אידן מיט בערד, מיט בערדלעך און אָן בערד האָבן גענומען ספר־תורות פון טראָק און אַריינגעקראָכן אין גרוב און געשטרעקט די הענט צום הימל, געמאָנט, געבעטן, געזוכט אַ הילף, נאָר קיין הילף איז ניט געקומען.

און דער קאָמענדאַנט האָט געוואַרט אַ פּאָר מינוטן און זיך ווידער צעלאַכט. און אַלע נאַצי־סאָלדאַטן האָבן געלאַכט.

און דער קאָמענדאַנט האָט באַפוילן:

„אויספילן דעם באַפעל אָדער דערשיסן אויפן אָרט: אַלע אידן קריכן אין די גריבער!"

מיטאַמאָל האָבן זיך דערהערט גרויסע געוואַלדן. איינער איז געפאַלן אויפן צווייטן.

דער קאָמענדאַנט האָט אויסגעשאָסן אין דער לופטן:

„שטיל, קיין טומל, קיינער וועט ניט דערשאָסן ווערן!"

און שטיל איז געוואָרן. נאָר פאַרדומפּטע קרעכצן האָבן זיך געהערט.

דער קאָמענדאַנט האָט באַפוילן די טרייבער צוצופירן די

טראָקס לעבן דעם גרויסן גרוב. די גרויסע וואַגנס האָבן זיך אויפ־געהויבן פון איין זייט, געוואָרן בערג. די הינטער־טירלעך האָבן זיך צעעפנט און עס האָבן אָנגעהויבן פאַלן ביכער, ביכלעך איבער די אידנס קעפּ. הענט האָבן זיך אַרויסגעשטרעקט און געכאַפּט בי־כער אין די הענט אַריין. ביכער האָבן צוגעדעקט פיל קינדער און פרויען און מענער.

און אַז אַלע ביכער זיינען אויסגערעגנט געוואָרן פון די טראָקס, האָט דער קאָמענדאַנט ווידער גערעדט:

„זעט, יודען, פאַרשאָלטענע יודען! מיר האָבן אייך געקאָנט אויסשיסן, נאָר מיר ווילן ניט. מיר האָבן אייך געקאָנט פאַרברענען, נאָר מיר וועלן דאָס ניט טאָן. מיר ווילן אייך פאַרניכטן, אָפּמעקן פון דער ערד, אַז די וועלט זאָל אָן אייך פאַרגעסן!

„מיר גיבן אייך מיט אייער קולטור פון דריי טויזנט יאָר. ליגט אין דער ערד מיט אייער קולטור. און ווען אייער משיח וועט קומען און איר וועט זיך קייקלען אונטער דער ערד צו אייער היים־לאַנד פּאַלעסטינע, און פון דאָרטן צוריק אין דער אַראַבישער מדבר, פון וואַנען איר זייט געקומען, זאָלט איר זיך מיטנעמען אייער תורה, וואָס משה האָט אייך געגעבן און אַלע תורות פון אַלע משה׳ס פון אייער געשיכטע . . .

„פאַרשיטן די גריבער מיט דער ערד ! ! !"

האָט זיך דערהערט מיטאַמאָל דעם קאָמענדאַנטס באַפעל. די סאָלדאַטן האָבן אָנגעשטעלט די באַיאָנעטן אויף דער קריסטלעכער באַפעלקערונג.

„און ווער עס וועט ניט אויספאָלגן, אַריינוואַרפן צוזאַמען מיט די אידן!"

אַ קאָפּ פון אַ אידן

און די מוזיק האָט ווידער געשפּילט. דאָס מאָל אַ פריילעך געזאַנג. די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט מיט לאָפּעטעס געוואָרפן די ערד אין די גריבער. די סאָלדאַטן האָבן געלאַכט. דער קאָמענדאַנט האָט געקוקט אויפן רב, וואָס איז שוין געווען באַגראָבן ביזן האַלדז, נאָר ער האָט נאָך געלעבט, זיינע אויגן האָבן געקוקט מיט בלוטיקע בליקן אויפן קאָמענדאַנט. דער קאָמענדאַנט האָט געלאַכט אויף אַ הויכן געלעכטער . . .

און ווען די גריבער זיינען אָנגעפּילט געוואָרן מיט ערד, האָט דער קאָמענדאנט אַרויסגעגעבן זיין לעצטן באַפעל:

„ווער עס וועט פּרואוון אויסגראָבן אַ אידן, וועט דערשאָסן ווערן. ווער עס וועט וויינען אָדער פּראָטעסטירן, וועט פאַרשפּאַרט ווערן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. פאַרשטאַנען? — אַהיים!” . . .

און דער קאָמענדאַנט האָט זיך אַוועקגעזעצט אין זיין אויטאָמאָביל מיט אַ פּאָר אָפיצערן, די נאַצי־סאָלדאַטן האָבן מאַרשירט מיט געזאַנג, זיגעריש געהויבן די פיס, געשפּאַנט מיט זייער געוונדזענעם שפּאַן. די מוזיק האָט געשפּילט אַ מאַרש . . . און פון אַ גאַנצער עדה אידן איז אויפן פוסטן פעלד געבליבן בלויז אַרויסשטעקן אַ קאָפּ פון אַ אידן . . .

און ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן האָבן זיך פּאַרטיזאַנען אַריינגעריסן פון וואַלד, אויסגעגראָבן די אידן פון דער ערד, אין וועגענער זיי אַריינגעלייגט. די תורות און די ביכער אַרויסגעשלעפּט און אין די וועגענער אויסגעלייגט. און דעם רב האָבן זיי אויסגעגראָבן און אין אַ וואָגן אויסגעצויגן, די ערד אַן אָפענע איבערגעלאָזט. זאָל זי זיך שעמען, די ערד, וואָס האָט געקאָנט צודעקן, האַלטן אין זיך לעבעדיקע מענטשן.

בלויז עטלעכע אידן האָט מען געראַטעוועט. די איבעריקע זיינען געווען צעקוועטשט אויף טויט. מען האָט זיי באַערדיקט אין וואַלד.

איך בין איינער פון די געראַטעוועטע . . . דערציילט עס יעדן איינעם . . . קריצט עס איין אין אייערע הערצער״ . . .

6

. . . ווען דזשוליוס האָט זיך אויפגעכאַפּט, זיינען אַרום אים געשטאַנען מענטשן. זיין פּנים איז געווען באַשפּריצט מיט וואַסער. זיין קאָלנער איז געווען אַ צעשפּיליעטער און אינגאַנצן איז ער מיטאַמאָל געוואָרן אַ צעקנייטשטער.

ער האָט זיך פאַרשעמט. ער האָט זיך אָנגעהויבן אַביסל ברענגען אין אָרדענונג. זיך אַביסל צעשמייכלט און באַרואיקט דעם עולם: ס׳איז גאָרניט. ער האָט זיך אַביסל אויפגערעגט. די שוידערלעכע באַשרייבונג: „אַ קאָפּ פון אַ אידן!״ אַזוי אוממענטשלעך, חיה׳ש, ווילד.

דער עולם האָט אים באַקוקט מיט פאַרוואונדערונג: ס׳איז עפּעס אַ נייעס? זיי לייענען עס טאָג־טעגלעך. אַ פּאָר האָבן זיך אוועקגעזעצט לעבן אים און אים דערציילט וועגן גרויסע באַוועגונגען וואָס קומען פאָר אין אידישן פאָלק, אין אַלע טיילן פון דער וועלט. עס ווערט געשאַפן אַן איינִיקייט צווישן אַלע אידן, אַ שטאַרקע אחדות אין אידישן פאָלק, אָרעם און רייך, פון אַלע פּאַרטייען און ריכטונגען, צו פאַרטיידיקן דעם כבוד, די קולטור און דאָס לעבן פון אידישן פאָלק.

פאַראַן נאָך עקשנים, קעגנער, שונאים פון אידישן פאָלק אין

צווישן דעם אידישן פאָלק. ווי בײַ אַלע פעלקער, זײַנען אויך בײַ אידן געווען אין יעדער צײַט פאַררעטער, און אויך איצט זײַנען זיי פאַראַן; ווי בײַ אַלע פעלקער, זײַנען אויך בײַ אידן געווען אין יעדער צײַט אַסימילאַטאָרן, און אויך איצט זײַנען זיי דאָ.

אָבער זיי זײַנען בלויז די ווערעמדיקע עפּל, וואָס ווערן אינעווייניק צעפוילט און פאַלן אַראָפּ פון בוים; די פאַררעטער און די אַסימילאַטאָרן זײַנען דער אָפּפאַל פון אַ פאָלק. דאָס פאָלק נעמט זיי ניט מיט אויפן געשיכטע־וועג, ער דאַרף זיי ניט, ער האָט פון זיי קיין נוצן ניט, ער לאָזט זיי איבער בײַ זײַנע ברעגן, ווי ניט-טויגנדיקע, אַרויסגעשפּיגענע, ווי מיסט . . .

די געזונטע זין און טעכטער פון אידישן פאָלק העלפן מיט לײַב און לעבן אין דער איצטיקער באַפרײַאונג־מלחמה; צענדליקער טויזנטער אידן שלאָגן זיך אױף די שלאַכטפעלדער קעגן פאַשיזם. זיי שלאָגן זיך העלדיש, ווײַל זיי ווילן פאַרטיידיקן דאָס אידישע פאָלק; טויזנטער און צענדליקער טויזנטער אידן באַטייליקן זיך אין אַלע הילף־אַקציעס פאַר די אַלע אַרמייען, וואָס פירן דעם קאַמף קעגן דער פאַשיסטישער אַקס, קעגן היטלערן באַזונדערס. דאָס גאַנצע אידישע פאָלק האָט זיך אויפגעהויבן אין אַ טרויער נאָך די אומגעקומענע אין די שחיטות פון די נאַצי-חיות; דאָס גאַנצע אידישע פאָלק האָט זיך אויפגעהויבן אין אַ שטורעמדיקער פּראָטעסט־באַוועגונג, וואָס האָט געריערט אַלע ערלעכע לענדער און פעלקער צו וואָרענען די ווילדע חיות אין נאַצישן געשטאַלט, אַז יעדער איינער וועט גע־משפּט ווערן פאַר די באַגאַנגענע מערדערייען.

איז דערפאַר, דאַרף יעדער איד זיך אָפּגעבן אַ חשבון: וואָס

האָב איך געטאָן און וואָס טו איך צו פאַרטיידיקן דעם כבוד, די קול־טור און דאָס לעבן פון אידישן פאָלק . . .

דזשוליוס איז געזעסן און זיך איינגעהערט אין די רייד פון די אידן אַרום. עפּעס איז אים געוואָרן גרינגער אביסל. עפּעס אַ טרייסט געפונען. עפּעס שוין לאַנג האָט ער ניט געטראַכט וועגן פאָלק. ער האָט זיך ניט גע'שמד'ט, ער איז ניט געוואָרן אויס איד, נאָר ער איז געווען אַזוי פאַרנומען מיט זיינע געשעפטן, אַז ער האָט אלץ גע־לאָזט גיין, ווי עס גייט זיך. זיינע קינדער ווייסן גאָרניט וועגן אידישן פאָלק. אין זיין הויז איז גאָרניט געבליבן קיין סימן פון זיין פאָלק. ער האָט געלאָזט פירן די הויז, ווי זי פירט זיך.

און אין זיינע געשעפטן? — און מיט מענטשן? און איבגאַנצן זיין לעבן פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר? — און, און, און . . .

און אַ גאַנצער פאַרפלאָנטערטער קנויל איז געוואָרן באַ אים זיין לעבן אין איצטיקן מאָמענט. און שווער איז אים עפּעס געוואָרן צו האַלטן דעם קאָפּ. עפּעס האָבן אים געקנאַקט אין מח מיט האַ־מערס די ווערטער, וואָס ער האָט געהערט פון אַנטיסעמיטן, נאָר ער האָט זיך שטענדיק געמאַכט ניט־הערנדיק: „אידן האָבן ליב צו האָבן אַ סך געלט, זיין רייך!"

האָבן זיי אים, דזשוליוס'ן, דאָס געמיינט? ווייל דאָס פשוט'ע אידישע פאָלק, די אַרבעטער מאַסן, די קליינע מענטשעלעך, די בעל־מלאכות, די האָרעפּאשניקעס, זיי ארבעטן דאָך שווער זייער גאַנץ לעבן.

אָבער ער, דזשוליוס, און נאָך אַזעלכע דזשוליוסעס, האָבן פאַר־געסן אין פאָלק, האָבן זיך פאַרגעסן, און זיך געיאָגט נאָך געלט, געלט, נאָך רייכקייט, נאָך גאָלד, זילבער און בריליאַנטן. ער וועט זיי דען

מיטנעמען אין קבר אַריין? . . .

ער האָט געדאַנקט די אידן, וואָס זיינען געזעסן אַרום זיין טישל און אים אויפגעקלערט. ער האָט צונויפגעלייגט זיינע אידישע צייטונ־גען, און אַ פאַרטראַכטער, אַ פאַר׳חלומ׳טער, האָט ער זיך געלאָזט גיין צו דער טיר . . .

7

ווען ער איז אַריין צוריק אין זיין „גאָלדן־געשעפט" האָבן זיך זיי־נע „מענטשן" פאַר אים דערשראָקן: אַ צעקנייטשטער, אַ בלאַסער מיט צוויי גרויסע ווילדע אויגן. אַ פּאַק צייטונגען, אידישע צייטונגען, אונטערן אָרעם. זיי האָבן נאָך זייער באַלעבאָס אין אַזאַ פּאָזע קיינמאָל ניט געזען.

אַריינגעקומען איז ער שנעל, ווי אַ וויכער, ווי אַ ווינט. די טיר האָט ער אָפּגעלאָזט פון זיך מיט בייזקייט, האָט זי זיך אַליין צוגעמאַכט מיט אַזאַ טראַסק, אַז אַלע פענצטער האָבן זיך צעקלונגען און שיר ניט אַרויסגעפאַלן פון זייערע ראַמען.

אַלע בעל־מלאכות, משרתים און אָנגעשטעלטע האָבן אָפּגעשטעלט די אַרבעט פון זיך אַליין און זיך אומגעקוקט צו זייער באָס.

מיסטער דזשוליוס דזשעקסאָן האָט נאָך צו קיינעם ניט גערעדט. ער האָט בלויז געקוקט אויף יעדן מיט זיינע שאַרפע בליקן און גע־שפּאַנט שנעל איבער זיין גרויסן געשעפט. אַלע האָבן אים באַגלייט מיט זייערע פאַרוואונדערטע אויגן און דערוואַרט עפּעס אַן אויסברוך. געמיינט האָבן זיי, אַז ער לאָזט זיך אַוועק אין זיין אָפּיס און פון דאָרטן וועט ער אַרויסגעבן עפּעס נייע באַפעלן דורכן פאַרוואַלטער. נאָר אָנשטאָט אַריינצוגיין אין זיין צימערל, האָט ער זיך געגעבן אַ שאַרפן דריי אויס און געבליבן אָנגעשפּאַרט לעבן דער גלעזערנער שאַפע.

ער איז געבליבן שטיין און געקוקט אויף זיינע מענטשן, וואָס האָבן אינסטינקטיוו אויסגעדרייט זייערע פּנים׳ער צו אים און גע־וואַרט אויף באַפעלן. דער פּאַרוואַלטער איז געשטאַנען לעבן אים. ער האָט שוין עטלעכע מאָל געעפנט זיין מויל און געוואָלט פרעגן דעם באַלעבאָס, וואָס עס איז געשען, נאָר ער האָט מורא געהאַט.

און מיטאַמאָל האָט מיסטער דזשוליוס דזשעקסאָן אַרונטערגע-וואָרפן פון זיך דעם קאַפּעליוש, אויסגעטאָן זיין מאַנטל און אוועקגע-לייגט אויף דער גלעזערנער שאַפע, ער האָט צעוויקלט זיינע צייטונ־גען, זיי אויסגעשפּרייט, געזוכט, געזוכט, נערוועז געמישט בויגן נאָך בויגן, ביז ער האָט געפונען:

„דזשענטלמען, אויפמערקזאמקייט, פּליס! איך וויל פאַר אייך לייענען אַ געשיכטע פון אַ שחיטה אויף אידן. איך בין אַ איד. פיל פון אייך זיינען אידן. מיר, אידן, מוזן דאָס פאַרשטיין. און די, פון אייך, וואָס זיינען ניט קיין אידן, מעגן עס אויך פאַרשטיין״ . . .

און ער לייענט אויף אידיש און דערקלערט אויף ענגליש. ער לייענט מיט אַזאַ פייער, מיט אַזאַ הויכן אויפגערעגטן טאָן, וואָס זיי האָבן נאָך קיינמאָל פון אים ניט געהערט. אונטערן איינפלוס פון זיין אויסדריקלעכן וואָרט, האָבן זיך די מערסטע אָנגעשטעלטע וואָס מער באַוואויגן מיט די אויבערשטע טיילן פון קערפּער. זיי האָבן זיך אָנגע־שפּאַרט פעסטער אין זייערע פּלעצער. עטלעכע קונדן זיינען אַריינ-געקומען, באַקוקט די פאַרזאַמלונג, די סצענע, האָבן זיי געעפנט די מיילער און געוואָלט אימיצן פרעגן עפּעס, נאָר זיי זיינען געבליבן שטיין מיט אָפענע מיילער און זיך איינגעהערט צו די רייד פון אייגנ־טימער מיסטער דזשוליוס דזשעקסאָן . . .

און אַז ער האָט פאַרענדיקט לייענען, האָט ער אויסגעשטעלט זיינע ווילדע אויגן צו אַלעמען, האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענט, זיי אויסגעשטרעקט פלאַך, טעלערדיק, מאָנענדיק, טענה'ענדיק: „עפּעס מוז געטאָן ווערן, עפּעס דאַרפן מיר טאָן!" . . .

אין דער גרויסער קראָם איז געבליבן שטיין אַ שטאַרקע שטיל־קייט אויף אַ פּאָר סעקונדן, נאָר פון דעם עק פון דער קראָם, פון ווינקל אַזש, פון זייגערמאכער פענצטער, האָט זיך אויסגעצויגן איז־ראַיל סאָלאָמאָן, ישראל דער זייגערמאַכער, ער האָט זיך אויסגעצויגן שטאָלץ, הויך, און אָנגעהויבן ריידן. פריער האָט ער אָנגעהויבן שטיל. און אַז ער האָט געזען, אַז אַלע האָבן אויסגעקערעוועט זייערע פּנים'ער און אויגן צו אים, האָט ער העכער און העכער געהויבן זיין שטימע. ער האָט גערעדט וועגן דער אַלטער אידישער געשיכטע: ער האָט אָנ־געהויבן פון פּסח, וועגן די אידן, וואָס זיינען געווען שקלאַפן אין מצרים, ווען מען האָט אידישע קינדער פאַרמויערט מיט ליים און ציגל צוזאַמען אין די ווענט. ער האָט דערציילט וועגן פּורים, פון שרעקלעכן המן, וואָס האָט געוואָלט אויס'הרג'ענען אַלע אידן אין איין טאָג. ער האָט געמאָלן די העלדישקייטן פון די מאַקאַבייער, די חנוכה־פייערונג. ער האָט דערציילט וועגן די קרייץ־צוגן אין מיטלאַלטער, וועגן גירוש־שפּאַניע, כמעלניצקי'ס פּאָגראָמען, די שחיטות און רדיפות אויף אידן אין אַלע צייטן.

„און שטענדיק, ווען עס איז געקומען אַ שווידערלעכע צייט אויף אידן, האָבן אידן איבער דער גאַנצער וועלט דערפילט דעם ווייטיק, זיי זיינען געקומען צו הילף.

אין יעדן לאַנד, אויף פיל שפּראַכן, האָבן די אידן צוגעטראָגן זייער חלק.

„אויך דאָ, אין אמעריקע, דאַרפן מיר פאַראייניקן דאָס גאַנצע פאָלק און פאָדערן באַ אַלע ערלעכע דעמאָקראַטישע פעלקער אַן אויס־לייז".

און די מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען אין קראָם האָבן גאָרניט באַמערקט, אַז ישראל דער זייגערמאַכער רעדט שוין אַזאַ לאַנגע צייט. און אין די אויגן פון די מענטשן איז מיטאַמאָל דער ישראל דער זייגערמאַכער אויסגעוואַקסן. זיי האָבן עפּעס אַרויפגעקוקט צו אים, ווי ער זאָל שטיין אויף אַ באַרג און אַראָפּריידן נביא'ישע רייד צום פאָלק . . .

מען האָט ניט געפּאַטשט קיין בראַוואָ, ווייל ניט קיין רעדנער האָט געהאַלטן פאַר זיי אַ שיינע רעדע, ס'האָט בלויז אַ פּשוט'ער אידישער האָרעפּאַשניק, אַ זייגערמאַכער, אַרויסגעבראַכט רייד פון זיין טיפן האַרצן . . .

איז מען געבליבן אזוי שטיין און אריינגעקוקט אין זיך אַליין. ס'האָט זיך יעדער פאַרטראַכט, ווי זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, וואָס ער קען טאָן, וואָס ער דאַרף טאָן, און אינסטינקטיוו האָט מען געוואַרט, אַז אימיצער זאָל אָנהייבן, אַז אימיצער זאָל עפּעס זאָגן דאָס ערשטע וואָרט. האָט מיסטער דזשוליוס דזשעקסאָן איבערגעריסן די שטילקייט:

„פריינט, ברידער!

„מיר וועלן גיבן אונדזערע פאַרמעגנס, מיר וועלן געבן אונדזערע זין, מיר וועלן געבן אונדזער בלוט, מיר וועלן געבן אונדזערע לעבנס...

„קום, ישראל, קום אַריין מיט מיר אין אָפיס, וועלן מיר ביידע, דער אָרימסטער און דער רייכסטער אין דער פאַרזאַמלונג, אויסשטעלן אַ פּלאַן, וואָס יעדער פון אונדז קען צוטראָגן צו הילף אונדזער פאָלק" . . .

און ישראל דער אַלטער זייגערמאכער, „דער פּאַפּ”, ווי אַלע האָבן אים גערופן, ווייל געהאַלטן האָט אים מיסטער דזשוליוס דזשעקסאָן בלויז דערפֿאַר, וואָס ער האָט אים ניט געקענט אָפּזאָגן, ווייל זיינע אויגן האָבן שוין ניט געדינט . . . האָט זיך געלאָזט גיין אַ שטאָל־צער.

און די גאַנצע פֿאַרזאַמלונג האָט נאָכגעשיקט זייער גוטהייסונג און ברכה צו די דריי אידן: מיסטער דזשוליוס דזשעקסאָן, דער באַלעבאָס, ישראל דער זייגערמאַכער און מיסטער קאופמאַן, דער פֿאַרוואַלטער, וואָס זיינען אַוועק אין אָפּיס אַריין . . .

8

היינט איז מיסטער דזשעקסאָן פֿרי געקומען אַהיים. געקומען אומדערוואַרט פֿאַר זיין פֿאַמיליע. זיין פֿרוי מאַרטאַ איז נאָך ניט געווען אין דער היים. זי איז ערגעץ נאָך. זי ווייסט ניט, אַז איר מאַן איז היינט אַזוי פֿרי אין דער היים.

דאָס דינסטמיידל קריגט זיך מיט די קינדער. די קינדער ווילן ניט פֿאָלגן. זיי קריגן זיך צווישן זיך.

דערזען דעם טאַטן אַזוי פֿרי אין דער היים, איז מען אויף אַ מינוט געבליבן שטיין דערשטוינט, דערנאָך איז מען צוגעלאָפֿן מיט פֿרייד און אים אַרומגעכאַפּט: „דעדי, דעדי!”

נאָר דעדי איז געווען אַביסל בלאַס. ער האָט געשמייכלט און אַרומגענומען די קינדער. ער האָט צו זיי פֿיל ניט גערעדט. ער האָט זיך אויסגעטאָן, אַרומגעשפּאַצירט איבער די צימערן, געביסן זיינע ליפּן. ער האָט געקוקט אויף די ווענט, אין די ווינקלען. די קינדער

זיינען געוואָרן שטיל און זיך גענומען פאַרענדיקן זייער היים-ארבעט. זיי האָבן זיך געשושקעט: „פּאַפּאַ מוז זיין קראנק!״ דאָס דינסטמיידל איז צוגעקומען פרעגן צי מיסטער דזשעקסאָן וויל עפּעס עסן, טרינקען, ניין, — ער וויל גאָרניט.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, עפּעס אַ טראַכט געטאָן, געעפנט אין קיך אַ טיר און זיך געלאָזט אַרונטערגיין אין קעלער אריין. „דער דעדי גייט אַראָפּ אין קעלער!״ האָבן די קינדער זיִם נאָכגעקוקט מיט שרעק. זיי זיינען געשטאַנען לעבן דער טיר און זיך איינגעהערט. זיי האָבן געהערט ווי פּאַפּאַ מישט ביכער.

מיטאַמאָל האָט זיך דערעפנט די שטוב-טיר און מאַרטאַ איז אַריינגעקומען. זי איז עפּעס אויך געווען דערשראָקן. זי איז ניט געוואוינט צוצוקומען צו דער שטוב-טיר און ס'זאָל זיין אזוי שטיל. און אַז זי איז אריין און דערזען די קינדער באַ דער קעלער-טיר, האָט זי זיך מער דערשראָקן. די קינדער זיינען איר געלאָפן אנטקעגן און דערציילט: „פּאַפּאַ איז דאָ, ער קוקט אויס קראַנק, ער איז אין קעלער!״

זי איז געלאָפן מיט שרעק אין די אויגן גלייך אין קעלער אַריין און אויפן וועג געשריען: „דזשוליוס, וואָס טוסטו דאָרטן, דזשוליוס?״

און אַז מאַרטאַ, די מאַמע, איז געלאָפן אין קעלער אַריין, זיינען איר שוין נאָכגעלאָפן די קינדער און נאָך די קינדער איז אויך נאָכגעלאָפן דאָס דינסטמיידל.

אין קעלער זיינען זיי אַלע געבליבן שטיין. ס'איז גאָרניט געשען מיטן מאַן, מיטן טאַטן, מיטן באַלעבאָס. ער איז געשטאַנען רואיק און געקוקט אין אַ אידישן בוך.

מאַרטאַ איז צוגעגאַנגען צו איר מאַן:

„וואָס איז געשען? — ס'טוט מיר לייד, וואָס איך בין ניט גע־ווען אין דער היים, ווען דו ביסט געקומען. איך האָב ניט געוואוסט, אַז דו וועסט קומען אַזוי פרי אַהיים. קומסט קיינמאָל ניט אהיים אזוי פרי. וואָס איז געשען?" — און זי וויל אַרויסנעמען פון זיין האַנט דעם אידישן בוך, נעמען געאָרעמט און אים אַרויפפירן אין הויז אַריין.

„ווען האָסטו אַרונטערגעטראָגן אַהערצו די אידישע ביכער? — פאַרוואָס האָסטו מיר גאָרניט געזאָגט? — און וואו זיינען אלע ביכער, איך האָב דאָך געהאַט צוויי פולע שאַפעס!" — האָט דזשוליוס ערנסט געפרעגט.

„אַז דו לייענסט זיי קיינמאָל ניט און קיינער לייענט באַ אונדז ניט קיין אידיש!" — האָט זיך מאַרטאַ פאַרענטפערט און ניט פאַר־שטאַנען פאַרוואָס ער האָט זיך פלוצלונג דערמאָנט אין זיינע אידישע ביכער.

„איך וועל אייך שוין אַלע דערציילן פאַרוואָס איך האָב זיך איצט דערמאָנט אין מיינע אידישע ביכער, איצט לאָמיר זיי אַלע אַרויפ־טראָגן!" און ער האָט דער ערשטער גענומען אַ פאַק ביכער און ארויף אויף די טרעפ. נאָך אים האָבן אַלע גענומען צו עטלעכע און אויך אַרויפגעבראַכט.

און אַז מען האָט אָפגעגעסן, האָט דער טאטע געבעטן אלעמען זיצן אַרום טיש, אפשר דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבן האָט ער דאָס געטאָן, און ער האָט גערעדט און גערעדט, דערציילט, וואָס עס קומט פאָר מיט די אידן אין די לענדער, וואָס היטלער האָט פאַר־כאפט. ער האָט געמאָלן די בילדער ברוטאל, אומ'רחמנות'דיק. ער האָט געוואָלט, אַז זיין פרוי און זיינע קינדער זאָלן דערפילן זיין ווייטיק.

מאַרטאַ האָט געפּרואווט אַ פּאָר מאָל אָנרירן מיט איר האַנט זיינע, אים צו דערמאָנען, אַז די קינדער זיצן דאָ, נאָר ס'האָט ניט געהאָלפן, האָט זי אָפּגעלאָזט. און אַז דער טאַטע האָט זיך פאַרמאַטערט און אביסל אָפּגערוט, האָט דאָס מיידעלע, אַ קינד פון אַ יאָר צוועלף, געפרעגט מיט טרערן אין די אויגן:

„פאַרוואָס זיינען די אידן די ערגסטע מענטשן אויף דער וועלט? — און פאַרוואָס דאַרפן מיר זיין אידן? — אפשר קענען מיר ווערן מיט אַלע מענטשן גלייך?" . . .

אין די פראַגן האָט דזשוליוס דערפילט, אַז זיינע קינדער זיינען אַזוי פרעמד פון אידישן פאָלק, ווי ניט-קיין־אידישע קינדער . . .

„פּאַ, איך האָב מורא צו גיין פון סקול און אין סקול יעדן טאָג. אונדזערע שכנ'ישע קינדער רופן מיך „שמוציקער איד", זיי מאַכן סוואַסטיקעס פון קרייד אויף מיינע קליידער, איך האָב מורא!" . . . האָט זיך דאָס אינגל שיר ניט צעוויינט, אַ אינגל פון אַ יאָר צען.

דזשוליוס האָט זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט:

„אָט דאָ אָ, באַ אונדזער טיר, אין אונדזער פריי לאַנד, און קיי־נער האָט מיר גאָרניט געזאָגט!"

„איך האָב ניט געוואָלט האָבן צו טאָן מיט די שכנים. זיי ווייסן, אַז מיר זיינען אידן" — האָט מאַרטאַ זיך געפונען שולדיק, וואָס זי האָט אים ביז איצט ניט דערציילט, אַז מען האָט זיך שוין עטלעכע מאָל געטשעפּעט צו דזשערי'ן, ווען ער איז אהיים געגאַנגען פון סקול.

„איך וועל גיין מאָרגן אין סקול, צום פּרינציפּאַל וועל איך גיין, צו אַלע לערער, איך וועל ריידן צום מעיאָר פון דער שטאָט, איך וועל אויפשטורעמען דעם געגנט, עס וועט באַ אונדז ניט געשען, עס וועט ניט געשען!" . . . — האָט דזשוליוס אָנגעהויבן גיין הין

און צוריק איבער דער הויז.

מאַרטאַ האָט אָנגעהויבן לייגן די קינדער שלאָפן. די קינדער זיינען געווען צעטומלט פון טאַטנס ווערטער און דערציילונגען. נאָר זיי האָבן זיך געפילט גוט, זיי האָבן זיך דערפילט שטאַרק, וואָס זייער טאַטע וועט עפּעס אויפטאָן העלדישע זאַכן. זיי האָבן סיי־ווי־סיי געפילט גוט, וואָס זיי האָבן היינט אָונט געזען אַזוי פיל זייער טאַטן. זיי זעען אים זעלטן, ווייל ער איז שטענדיק פאַרנומען מיט געשעפטן.

און אָט זיינען אַריינגעקומען די עלטערע צוויי זין. איינער איז 17 און דער צווייטער 19. געזונטע הויכע ברייט־פּלייציקע יונגען. זיי האָבן געהאַלטן אין פאַרענדיקן אַ שמועס וועגן ספּאָרט. זיי האָבן זיך באַגריסט מיטן פאָטער. זיי האָבן זיך געוואונדערט, וואָס ער קוקט אויס נערוועז. זיי האָבן זיך אָבער געאיילט, זיי דאַרפן נאָך פאַרענדיקן אַביסל היים־אַרבעט. איזי — דער אינגערער, האַלט באַם פאַרענדיקן האַי־סקול. און עראָן, דער עלטערער, האָט ערשט אָנגעהויבן שטודירן „געזעצן". וואוילע צוויי יונגען. זיי האָבן זיך געוואָלט אָנשליסן אַלס פליער, נאָר די מאַמע האָט ניט געלאָזט און דער טאַטע האָט געשוויגן, זיינען זיי ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זייער שטודירן . . .

„מיינע טייערע זין, צוויי זין — האָט דער טאַטע פון דערווייטנס גערעדט, — איך וויל מיט אייך האָבן אַ שמועס!"

פון די ווערטער „מיינע טייערע צוויי זין!" האָבן זיך די צוויי יונגען דערפילט דערהויבן, זיי האָבן זיך צעשמייכלט און זיך אוועקגעלאָזט צום פאָטער.

ער האָט זיי אָנגעוויזן אַ פּאָר בענקלעך און געבעטן זיצן. ער האָט זיך אויך אַוועקגעזעצט: „איר וועט זיך ביידע אָנשליסן מאָרגן

אין דער אַרמיי. פליער וועט איר זיין. גערּאַטענע, פּייאיקע פליער, ווי מאיר לעווין, דעם אידישן שניידער׳ס זון פון ברוקלין. און העל־דיש זאָלט איר זיך שלאָגן פאַר אונדזער לאַנד קעגן שונא. און העל־דיש זאָלט איר נקמה נעמען פאַרן בלוט פון אידישן פאָלק!״ . . .

און ער האָט זיי געוויזן די אידישע צייטונג. געלייענט פאַר זיי אביסל אין אידיש און דערקלערט די גאַנצע באַשרייבונג „אַ קאָפּ פון אַ אידן״ אין ענגליש. עס פאַרדריסט אים, וואָס ער האָט זיי ניט געלערנט קיין אידיש. נאָר צי זיי קענען אידיש צי ניט, דאַרפן זיי זיין געטרייע זין פון אידישן פאָלק און אַרויסווייזן גרויס העלדישקייט.

די זין האָבן פריער אין זיך איינגעזאַפּט דעם טאַטנ׳ס רייד, פאַרקלאָרט זיך אין די מוחות די בילדער פון שחיטות אויף אידן אין היטלער׳ס פאַרכאַפּטע לענדער און אָנגעהויבן פאַרבינדן זייער אַמעריקאַנער פאַטריאָטיזם מיט זייער אָנגעהעריקייט צום אידישן פאָלק.

די מאַמע מאַרטאַ, וואָס איז געווען פאַרנומען מיט די קלענערע קינדער אין צווייטן צימער, האָט עפּעס מער דערפילט, ווי דער־הערט, וואָס ס׳קומט פאָר צווישן מאַן און אירע צוויי עלטערע זין, האָט זי זיך אַפּנים שוין פון אַ ווײַלע אונטערגעהערט, האָט זיך אַריינ־געלאָזט שטיל אין צימער אריין. געגאַנגען איז זי מיט צוויי אויס־געשטעלטע הענט, ווי מיט טענות, בעטן אביסל יושר בא די דריי מענער. עפּעס איז זי דאָך אַ מאַמע. עפּעס האָט זי דאָך אַזוי פיל מי און צייט אַריינגעלייגט ביז די צוויי זין זיינען אויסגעוואַקסן. אמת, זי האָט זיי ניט געבוירן. זיי זיינען פון איר מאַנ׳ס ערשטער פרוי. אָבער קליינינקע זיינען זיי געווען, ווען זייער מוטער איז זיי

אָפּגעשטאָרבן. איז זי געוואָרן זייער מוטער. זיינען זיי געוואָרן אירע צוויי זין. מעג מען זי כאָטש אויך פרעגן אַ וואָרט. ביידע זין מיט־אַמאָל אַוועקשיקן אין דער מלחמה אריין.

דער טאַטע און די זין האָבן פאַרשטאַנען דער מאַמע'ס אריינ־קום. אויף אַ מינוט איז מען געבליבן שטיל.

איזי, דער איינגערער, וואָס האָט מורא געהאַט, אַז די מאמע וועט איבעררעדן דעם טאַטן, זי וועט אים ניט לאָזן זיך גיין אָנ־שליסן, זי וועט אים אויסבעטן, האָט דער ערשטער אָנגעהויבן רעדן. ער האָט אָנגעוויזן אויף דער אידישער צייטונג:

„מאַמע, זע וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. איז בעסער צו שטאַרבן ווי הינט, אָדער זיך שלאָגן ווי העלדן?"

„ביידע מיטאַמאָל?!" — האָט די מאַמע בלויז אַרויסגערעדט די צוויי ווערטער.

„איך קען ניט די אידישע געשיכטע — האָט זיך עראָן אָפּ־גערופן — אָבער אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע דערציילט זיך פון איינעם דזשאַן בראַון, וואָס האָט זיך און אַלע זיינע פינף זין מקריב געווען אין קאַמף קעגן שקלאַפעריי" . . .

דזשוליוס איז צוגעגאַנגען צו זיין פרוי און אַרויפגעלייגט זיינע צוויי הענט אויף אירע אַקסלען, איר אַריינגעקוקט אין די אויגן און צו איר גערעדט:

„דו ביסט אַ אידישע טאָכטער, אַ טאָכטער פון דיין פאָלק. מיר זיינען שולדיק אַ חוב אונדזער פאָלק. מיר האָבן זיך אַביסל פאַר־געסן. איך האָב פאַרגעסן, אַז מיין נאָמען איז יהודה, יהודה דער זייגערמאַכער. איך קום אַרויס פון אַן ערלעכער האָרעפּאַשנער משפחה פון זייגערמאַכער. און אז איך בין רייך געוואָרן, האָב איך

אָנגעהויבן פאַרגעסן אין מיין פאָלק, אין מיין קולטור. איך האָב געוואָלט איבעררייסן די לעצטע קייט . . . מאַמע, אידישע מאַמע, זאָג אויך, אַז דו וועסט דערלויבן דיינע זין זיך גיין שלאָגן פאַרן כבוד פון אונדזער לאַנד, פאַרן לעבן און דער קולטור פון אונדזער פאָלק, פאַר אַ פריי לעבן פון אַלע מענטשן!" . . .

מאַרטאַ האָט ניט געקענט קוקן מער איר מאַן אין די אויגן אַריין. זי האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן. טרערן האָבן זיך געקייקלט פון אירע אויגן:

„ביידע מיטאַמאָלן!" . . .

9

אין דרויסן האָט זיך צעשפּילט אַ ווינט, אַ שטורעמדיקער ווינט, אַ זאַווערוכע, אַ ווירוואַר. מען האָט צוגעמאַכט אַלע שטיק־לעך פענצטער־עפענונגען אין אַלע צימערן. מען האָט זיך גענומען גרייטן אין די בעטן אַריין.

אַזאַ שווערער טאָג געווען היינט פאַר יהודה יאַקאָוווס, אפשר דער שווערסטער אין זיין לעבן. דער קאָפּ איז אים אַזוי פול. האָט ער זיך פרי אַוועקגעלייגט. אַוועקגעפאַלן שווער, אָפּגעאָטעמט, פאַר־מאַכט די אויגן און געטראַכט, געטראַכט . . .

האָט ער מיטאַמאָל דערזען זיין חדר. דאָס ליטווישע שולכל אויף דער סטאָליערישער גאַס. אויפן פאָרנט פון טיש זיצט זיין רבי, פסח דער גמרא־מלמד, אַרום זיצן אַלע אינגלעך, אַ פּופּצן אינגלעך, מען שאָקלט זיך, מען זינגט. דער רבי נעמט אַ שמעק־טאַבאַקע, ווישט זיך אַרום מיט זיין רויטער פאַטשיילע. און מיטאַמאָל האָט ער געגעבן אַ קלאַפּ אין טיש, אַלע זיינען געבליבן שטיל. אייניקע האָבן נאָך פאַרענדיקט דעם לעצטן שאָקל און אינגאַנצן געבליבן שטיל.

דער רבי האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש און זיך צוגעלאָזט צו אים, צו אידעלען, האָט אים אזוי באַטראַכט. אידל יאַנקל׳ס איז פאַרציטערט געוואָרן .כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז דער רבי פסח דער גמרא־מלמד שלאָגט ניט, שמייסט ניט, נאָר ער האָט אַזאַ טיפן קוק, וואָס נעמט אייך דורך און דורך, אַז איר הויבט אַזש אָן צו ציטערן. און צו יעדן איינעם רעדט ער די זעלבע ווערטער:

„מילא, אידעלע, אַז זיי קענען ניט, פאַרשטיי איך, זיי האָבן קיין קעפּ ניט, אָבער דו, אידעלע, האָסט דאָך אַ גוטן קאָפּ — הויבט ער אָן צו זינגען — וואָס פאַרשטייסטו דאָ ניט: „שנים אוחזין בטלית, צוויי האַלטן אַ טלית, זה אומר שלי, דער זאָגט ס׳איז מיינער, וזה אומר שלי, און דער זאָגט ס׳איז מיינער, לחצין, דאַרף מען עס צעטייל׳ן אויף צווייען”. און אידל הויבט אויף זיין שטימעלע, צעשאָקלט זיך און זינגט אויס וואָרט און וואָרט, פּונקט ווי דער רבי האָט דערקלערט. צעשמייכלט זיך דער רבי, זיינע אויגן גלאַנצן, ער שאָקלט מיטן קאָפּ און מאַכט צו אַלע אינגלעך: „נו, גמרא־אינגלעך, וואָס זאָגט איר, איר וועט אויך אזוי קענען ווי ער?” — ער גייט צוריק אַוועק אויף זיין פּלאַץ, גיט אַ קלאַפּ אין טיש, אַלע גיבן זיך אַ צעשאָקל און אַ צעזינג: „שנים אוחזין בטלית” . . .

און אַמאָל איז דער רבי געווען בייז אויף אידלען און אויף אַלע אינגלעך, איז אידל געווען בייז אויפן רבי׳ן. נאָר אַז ס׳פלעגט קומען פאַר חנוכה, איז דער רבי געוואָרן זייער גוט. ער איז געווען זייער פריילעך. ער האָט דערציילט מעשיות פון חנוכה:

„דאָס דריידל מיט די פיר אותיות נ. ג. ה. ש. דערציילט זייער אַ סך, „נס גדול היה שם”, אַ גרויסער וואונדער איז דאָרט געשען. די אידן האָבן זיך געשלאָגן, ווי לייבן, קעגן די שונאים פון אידישן

פאָלק, און זיי האָבן אַכט טעג ניט געהאַט קיין צייט אָנצוצינדן דאָס ליכט ,דאָס שטענדיקע ליכט אין הייליקן הויז, און ווען זיי זיינען אַריינגעקומען נאָך די אַכט טעג, האָבן זיי דערזען, אַז דאָס ליכט ברענט. און די מאַקאַבייער האָבן זיך געשלאָגן ווי גרויסע העלדן, ווי די לייבן. און מער פון אַלע האָט זיך אויסגעצייכנט יהודה, יהודה המכבי״ . . .

און ווען דער רבי האָט דערמאָנט יהודה המכבי, האָט ער גע־קוקט אויף אידל יאַנקל׳ס, אויף אים, און דער רבי האָט געשמייכלט, און אַלע אינגלעך האָבן אים מקנא געווען, וואָס ער טראָגט דעם נאָמען יהודה אויף זיך, און ער, אידל יאַנקל׳ס, יהודה בן יעקב, האָט זיך דערפילט אזוי שטאָלץ, אַזוי בראַוו, און ער האָט דעמאָלט באַ זיך אין האַרצן געשוואוירן, אַז ער וועט אויסוואַקסן, ווערן גרויס, וועט ער זיך שלאָגן קעגן די אידישע שונאים, ווי אַ לייב, ווי יהודה המכבי . . .

„און דערפאַר צינדן מיר אָן יעדעס יאָר די חנוכה־ליכטלעך. חנוכה — מיר האָבן דאָס לעבן באַנייט, ליכטלעך, — און ליכטיק איז געוואָרן באַ אידן״ . . .

און פלוצלונג גיט זיך אָן עפן די טיר מיט בייזקייט, מיט גע־שריי. עס קומען אַריין מיט שטאַרקייט אַן אָפיצער און נאַצי־סאָלדאַטן, זיי גיבן זיך אַ שטעל אוועק און שרייען אויס: „האַיל היטלער!״ דער אָפיצער באפעלט: „אַלע שרייט אויס: „האַיל, היטלער!״

דער רבי הויבט אָן צו ציטערן ווי אַ פיש. עס ציטערן אים הענט און פיס. עס קלאַפּן אים די ציין אין מויל. די אינגלעך הויבן זיך אויף און קוקן אויפן רבי׳ן. זיי ווייסן ניט, צי זאָלן זיי פאָלגן דעם נאַצי־אָפיצער. נאָר ער, יהודה, גיט זיך מיטאמאָל אַ שטעל אַרויס



און גיט אַ געשריי: „תמות נפשי אם הפלישתים!” און אַזוי ווי ער גיט אַזאַ געשריי, פליען אַריין דורכן פענצטער עראָפּלאַנען, פון די עראָ־פּלאַנען לאָזן זיך אַרויס אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, זיי אַרעסטירן אַלע נאַציס און פירן זיי אַוועק. מען הויבט יהודה׳ן אין דער לופטן פאַר זיין העלדישקייט. מען גיט אַ קוק אויף די צוויי פליער, דערקענט יהודה זיינע זין, קושט ער זיי . . .

און כאַפּט זיך אויף פון שלאָף. שוין אַ פּאָר מינוט, ווי זיין פרוי מאַרטאַ וועקט אים, טאָרעט אים, עפּעס האָט ער גערעדט פון שלאָף, ער האָט אַרויסגעלאָזט פאַרדומפּטע קולות, עפּעס אַ געשריי געטאָן און געפּאָכעט מיט די הענט:

„פיילסט אפשר ניט גוט, דזשוליוס, כ׳מיין יהודה, אפשר רופן אַ דאָקטאָר, אפשר עפּעס מאַכן אַ גלאָז טיי, צי וואָס?” . . .

ס׳האָט גענומען יהודה׳ן עטלעכע מינוט ביז ער איז געקומען צו זיך פון חלום. און אַז ער איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך צע־שמייכלט. ער האָט באַרואיקט זיין פרוי: „ס׳איז גאָרניט, עפּעס א חלום פון די קינדער־יאָרן, ס׳איז גאָרנישט, שלאָף רואיק!” . . .

אין דרויסן האָט נאָך געהערשט די זאַווערוכע. אַ ווינט האָט גע־שטורעמט די פענצטער, ער האָט געוואָלט אַריין, נאָר ניט געקענט, האָט ער שטארק געבלאָזן אויף זיי, האָבן זיי געציטערט און געדרינ־דזשעט, געקלונגען אַביסל.

ערגעץ איז געווען אָפן אַ טיר, ניט קיין פאַרקייטלטע טיר, האָט דער שטורעם־ווינט זיך געוויגט אויף איר, זיך געהוידלט, נאָר גע־וואָלט אָפּרייסן די טיר און מיט איר אַוועקפליען, נאָר די טיר האָט זיך געהאַלטן שטארק אויף די אייזערנע זאַוויעסעס און געקלאַפּט, גע־קוויטשעט, געקלאפּט און געקוויטשעט, געקעמפט מיטן שטורעם-ווינט.

קעץ האָבן ערגעץ געמיאַוקעט, א הונט האָט ערגעץ געהאַווקעט, ברוגז געווען אפּנים אויף דעם שטורעם־ווינט, וואָס ער בלאָזט אויף זיי מיט אַזאַ שאַרפער קעלט. און אפשר ברוגז געווען אויף מענטשן, וואָס לאָזן זיי ניט אַריין אין די הייזער זיך צו באַשיצן פון דער זאַווע־רוכע.

אַ קינד האָט זיך ערגעץ אויפגעכאַפּט מיט געוויין, אַ געוויין אין מיטן דער נאַכט. אפשר האָט עס דער ווינט אויפגעוועקט און אפשר האָט עס געוואָלט עסן.

און העט־העט ווייט, פון די וואַסערן טראָגן זיך רופן פון די שיפן, טרו־טו־טו, טרו־טו־טו, כסדר'דיקע רופן. אויף די וואַסערן איז מסתמא כוואַליעדיק און פינצטער און נעפּלדיק. און שיפן קענען זיך אָנ־שלאָגן אָן שיפן. און שיפן פירן איצט אַמוניציע און מאַטעריאַלן פאַר דער מלחמה . . .

ליגט אזוי יהודה אויפן געלעגער מיט אָפענע אויגן. ער הערט זיך איין אין דער נאַכט אַריין. ער קוקט מיט אָפענע אויגן אויף דער סטעליע און קוקט דאָרטן איבער זיין לעבן. שוין אַ לאַנג לעבן דורכ־געמאַכט. און אַ סך זאַכן האָט ער שוין פאַרגעסן. ער דאַרף זיך דער־מאָנען, דערמאָנען. מאַכן זיך צו זיינע אויגן, איז אים גרינגער זיך צו דערמאָנען . . .

זעט ער זיין זיידן. זיין שיינער זיידע יצחק מיט דער ווייסער באָרד. אַ הויכער, נאָר שוין אַלט. זיינע אויגן דינען אים שוין ניט. דרייט ער זיך בלויז אַרום אין זיין טאַטנ'ס זייגערמאַכעריי. דער זיידע שטעלט זיך אָפּ לעבן גרעסטן וואַנט־זייגער, וואָס הענגט אין מיטן אויף דער וואַנט. אַרום דעם גרויסן זייגער, וואָס פאַרנעמט אזא פּלאַץ, ווי אַ גרויסער פּאָרטרעט, הענגען קלענערע זייגערס און זייגערלעך.

פונקט ווי דער גרויסער זייגער זאָל דאָס זיין דער פּאַטריאַרך פון דעם זייגער־שבט און ארום אים שטייען די אלע טאַטע־זייגערס, וועקזייגערס, מאַמע־זייגערס, קעשענע־זייגערלעך, מענערשע האַנט־זייגערלעך, פרויאישע קליינע זייגערלעך, מיידלשע האַרץ־זייגערלעך, גאָלדענע און זילבערנע זייגערלעך אַנטיקן.

שטייט אַזוי דער זיידע יצחק לעבן גרעסטן זייגער און עפנט דאָס טירל און פאַרמאַכט דאָס טירל. ער וויגט די קייטלען, די קייטלען באַוועגן זיך אַביסל, ביז זיי בלייבן שטיין, צעוויגט ער זיי נאָכאַמאָל, ווי אַ קינד שפּילט זיך דער זיידע מיטן גרעסטן זייגער.

און ער, אידל־יהודה, איז ערשט געקומען פון חדר. די מאַמע האָט אים שוין אָנגעגעבן אַ סך עסן, האָט ער שוין אָפּגעגעסן, איז ער אַריינגעקומען צום טאַטן אין דער זייגערמאכעריי. ער האָט ליב צו קוקן אויף די זייגערס. ער האָט ליב צו הערן זייערע טיק־טאַקן. עפּעס אַ באַזונדערע שפּראַך באַ זיי. און ער קען שוין דערקענען אין די טיק־טאַקן, ווען א זייגער האָט שוין אַ שוואַך האַרץ, ווען די געדערים, די רעדעלעך און שרייפעלעך, הויבן אָן צו כריפּען, ווי א קראַנקער מענטש.

ער האָט ליב צו קוקן אויף זיין טאַטן, יאַנקל דער זייגערמאכער, דער גרעסטער זייגערמאַכער אין שטאָט און אין אומגעגנט. פון ווייטע שטעטלעך און דערפער ברענגט מען צו זיין טאַטן פאַרריכטן פאַרשיידענע זייגערס. האָט ער ליב צו קוקן ווען זיין טאַטע מיטן שוואַרצן בערדל קוקט אויף אַזאַ גרויס טיף אויג, אַ שפּאַקטיוו, אין די זייגערלעך אַריין, ווי אַ דאָקטאָר קוקט אין מויל אריין. ער שארפט מיט א קליין פיילעכל, ער דריבעט מיט א שפּיזעלע, ער פּוצט מיט אַ שמאַטקעלע, ער קוקט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. דערנאָך נעמט ער אראָפּ

דעם שפּאַקטיוו פון אויג, פאַרמאַכט דאָס זייגערל, גיט עס א לעצטן וויש מיטן אַרבל, דרייט עס אָן, לייגט עס צו צום אויער איין מאָל, צוויי מאָל און דריי מאָל. און אַז דער גאַנג פון זייגערל איז א גוטער, אַ גוטער טיק-טאַק, צעשמייכלט ער זיך. ער צעשמייכלט זיך צו זיך אַליין. לייגט אַוועק דאָס זייגערל אין אַ שופלאָד און נעמט זיך צו אַ צווייט זייגערל.

„נו, יהודה׳לע, וואָס האָסטו געלערנט אין חדר?״ — קוקט דער טאַטע אין אַ זייגערל און פרעגט אים. דער טאַטע איז דער איינציקער אויף דער גאַנצער וועלט, וואָס רופט אים יהודה׳לע. אַל׳ע רופן אים אידל. אידעלע, נאָר ער רופט אים יהודה׳לע. האָט ער טאקע דער־פאַר זייער שטארק ליב זיין טאַטן. און אים, יהודה׳ן, האָט זיך גאָר געדאַכט, אַז דער טאַטע האָט אים גאָרניט געזען, אַז ער האָט אפילו ניט באַמערקט זיין אַריינקומען פון דער שטוב. נאָר ס׳ווייזט אויס אַז א טאַטע זעט אפילו, ווען ער קוקט ניט. און אפשר האָט ער דאָרטן שפּיגעלעך אין די זייגערלעך און ער קען זען אלצדינג, וואָס ס׳טוט זיך הינטער אים.

גייט שוין יהודה׳לע צו און דערציילט זיין טייערן טאַטן, וואָס ער האָט געלערנט אין חדר. ער דערציילט פון די חשמונאים, פון די העלדישע מאַקאַבייער, פון דעם נס פון חנוכה, פונקט ווי דער רבי האָט אים געלערנט. און דער טאַטע איז זייער צופרידן. ער גיט אים חנוכה־געלט. ער גיט אים דאָס זילבערנע דריידל און זאָגט אים אָן:

„געדענק, יהודה׳לע, דאָס דריידל גייט איבער פון דור צו דור, היט עס אָפּ, פאַרליר דאָס ניט. נאָך חנוכה וועלן מיר עס באַהאַלטן און איבעראַיאָר חנוכה נאָכאַמאָל אַרויסנעמען. שפּיל מיטן זיידן אין דריידל. דער זיידע וועט דיר דערציילן מעשיות״.



האָט טאקע דער זיידע באַלד דערהערט, וואָס מען האָט גערעדט. ער האָט פאַרמאַכט דעם גרויסן זייגער, נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויף אים. ער איז צוגעגאַנגען צו זיין אייניקל, אים אָנגענומען באַ דער האַנט און אים אַוועקגעפירט אין אַ ווינקל פון דער זייגערמאכעריי.

דאָרטן, אין ווינקל פון זייער זייגערמאכעריי, איז געשטאנען אַן אַלט טישעלע, אַזוי אַלט ווי דער זיידע און אפשר נאָך עלטער. אויף דעם טישעלע האָט מען שוין מער ניט געאַרבעט, מען האָט נאָר אמאָל געטרונקען טיי, עפּעס אַוועקגעלייגט אויף דעם אויף אַ ווייל. ס'איז געווען דעם זיידנ'ס טישעלע. אָט צו דעם טישעלע האָט דער זיידע צוגעפירט זיין אייניקל. דער זיידע האָט זיך אַוועקגעזעצט און דאָס אייניקל האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן טישעלע. איינמאָל האָט דער זיידע געדרייט דאָס דריידל און איינמאָל האָט דאָס אייניקל געדרייט דאָס דריידל. און אַז יהודה האָט אַ דריי געטאָן דאָס דריידל, איז עס געגאַנגען אַזוי שנעל, אַז מ'האָט געקענט מיינען, אַז פון דריידל איז געוואָרן א קיילעכדיק רעדל. דאָס דריידל איז געשטאַנען „שמונה־עשרה".

און אין מיטן דער שפּיל נעמט אים דער זיידע אָן באַם קעפּל, קוקט אים אַריין אין די אויגן און רעדט צו אים נאָכאַמאָל די רייד, וואָס ער האָט ליב געהאַט אָפּט צו אים צו רעדן:

„געדענק, מיין טייער אייניקל, געדענק: דיין עלטער־זיידע האָט געהייסן אברהם, אַ גוטער איד, אַ פיינער איד איז ער געווען. דער ערשטער איד האָט געהייסן אברהם. אברהם אבינו. האָט דיין זיידע ערלעך געטראָגן זיין נאָמען אברהם. מיר האָט מען אַ נאָמען געגעבן יצחק. איך בין אויך געווען א זייגערמאכער מיין גאנץ לעבן. איך האָב ערלעך געטראָגן מיין נאָמען יצחק, נאָך יצחק אָבינו, וואָס איז יונג

בלינד געוואָרן, ווייל די מלאכים האָבן געוויינט און זייערע טרערן זיינען אריינגעפאלן צו אים אין די אויגן, ווען ער איז געלעגן אויף דער „עקידה״, ווען אברהם אָבינו האָט אים געוואָלט ברענגען פאַר אַ קרבן צו גאָט.

און דיין טאַטע הייסט יעקב. אַיי, האָט ער אַ טייערן קאָפּ אויף זיך, אַיי, קען ער לערנען אַ בלאַט גמרא. ער טראָגט דעם נאָמען פון יעקב אָבינו.

און דו, מיין איינִיקל, הייסט יהודה. דו ביסט דער שטארקסטער זון פון אַלע זין. דו האָסט ניט געוואָלט דער׳הרג׳ענען דיין ברודער יוסף. דו האָסט זיך געשלאָגן פאַרן אידישן פאָלק קעגן אַלע שונאים. דיין שבט, דער שבט יהודה, איז געבליבן אויף אייביק. אידן זיינען מיר געבליבן. געדענק־זשע, זאָלסט אויסוואַקסן אַן ערלעכער איד און אַן ערלעכער זייגערמאכער, געדענק־זשע!״ . . .

און אַזוי ווי דער זיידע האַלט אין דערציילן, ער האַלט נאָך צו יהודה׳ס קעפל, עפנט זיך די טיר האַסטיק און אַן אָפיצער מיט נאַצי־סאָלדאַטן שפּאַנען אַריין און שרייען אויס: „האַיל, היטלער!״ דער־לאַנגט אַלע בריליאַנטן, דימענטן און זייגערס, אַז ניט דערשיסן מיר אייך אויפן פּלאַץ!״

נאָר דער זיידע און דער טאַטע האָבן ניט אָנגעהויבן צו ציטערן. זיי האָבן זיך ביידע געגעבן אַ שטעל אויף שטאָלץ. דער טאטע האָט דערקלערט, אַז דאָס זיינען פרעמדע זייגערס, וואָס אָרעמע מענטשן האָבן געבראכט צו פאַרריכטן. און דער זיידע האָט אַ געשריי געטאָן: „איר, נידערטרעכטיקע גזלנים, איינגעזונקען זאָלט איר ווערן, ווי קורח מיט זיינע מענטשן!״

און אַלע זייגערס האָבן מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו קלינגען. און די

לייבן און די בערן און די טיגערס אויף די זייגערס זייַנען געוואָרן לע־בעדיק און אָנגעהויבן צו רעווען. און דער דיל האָט זיך געשפּאָלטן. און אַ טיפער פייערדיקער גרוב האָט זיך געעפנט און אלע נאַציס זייַנען אַרייַנגעפאַלן . . .

און יהודה האָט אַרומגעכאַפּט זייַן זיידן און אָנגעהויבן שרייַען:

„זיידע, זיידע, דו ביסט דאָך אַ מתיתיהו!” . . .

און זיך אויפגעכאַפּט.

ער איז געלעגן אין שווייס . . . זייַן פרוי האָט אים נאָכאַמאָל געפרעגט:

„וואָס איז דיר, וואָס איז מיט דיר געשען?” . . .

מער איז שוין יהודה ניט אַנטשלאָפן געוואָרן. עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. ער האָט אָנגעטאָן זייַן שלאָף־ראָק און אַראָפּ פון בעט. זייַן פרוי איז אַרייַן אין קיך און אים געמאַכט טיי מיט לימענע. זי איז געווען אומרואיק. זי האָט עפּעס געוואָלט טאָן צו באַרואיקן איר מאַן.

יהודה האָט זיך אַוועקגעזעצט און גערעדט צו זייַן פרוי אַזוי, ווי ער האָט שוין זייער לאַנג ניט גערעדט. ער האָט איר דערציילט פון זייַנע חלומות, פון זייַנע דעראינערונגען. ער איז געווען זייער צופרידן צו דערציילן. ס'איז אים עפּעס גרינגער געוואָרן:

„דו ווייסט, מאַרטאַ, פון נעכטן אָן בין איך אינגאַנצן א צעשרויפּטער. איך פיל פונקט, ווי מען וואָלט מיר צעשרויפּט אַלע גלידער, ווי מען צענעמט אַ זייגער. איך בין ניט קראַנק, נאָר מייַן קאָפּ איז מיר אַזוי אָנגעלאָדן מיט אזוי פיל שווידערלעכע זאכן, זינט כ'האָב געלייענט די באַשרייבונג „אַ קאָפּ פון אַ אידן”, אַז איך קען ניט קומען צו זיך, מייַנע פיס גייען ניט וואוהין איך וויל, נאָר זיי גייען אַליין, ווי באַזונדער־אָפּגעשרויפּטע גלידער. מייַנע הענט זייַנען עפּעס געליימט גע־

וואָרן און מיין האַרץ קלאַפּט מיר שטאַרק און אין די אויגן שווינדלט מיר!״

יהודה האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן בעט און מאַרטאַ האָט אים צוגעלייגט אַ קאַלטן קאָמפּרעס אויפן שטערן. קיין דאָקטאָר האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט. זי איז געזעסן לעבן אים אויפן בעט, גע־האַלטן די הענט איבערגעפלאָכטן און ס׳האָט זי געדראָזשעט, זי האָט געגעניצט פון איבערגעריסענעם שלאָף, נאָר אַוועקלייגן האָט זי זיך ניט געוואָלט. אפשר וועט אים ווערן גרינגער, אַז זי וועט זיצן און זיך זאָרגן פאַר אים.

„דו ווייסט, מאַרטאַ, איך האָב געהאַט אַמאָל אַ יוגנט־חבר, שמואל האָט ער געהייסן. איך ווייס גאָרניט וואו ער איז ערגעץ. — האָט יהודה ווידער דערציילט — האָט ער מיך גערופן שפּינאָזע. ווייל ברוך שפּינאָזע איז געווען אַ גרויסער פילאָסאָף און געשליפן גלעזלעך. און איך האָב געאַרבעט באַ זייגערלעך און דימענטן און ליב געהאַט צו פילאָסאָפירן. געדענק איך, אַז ער האָט מיר אַמאָל געזאָגט, ער האָט געהאַלטן אַזאַ דראָענדיקן פינגער צו מיר און צו מיר אַזוי געמאַכט: געדענק־זשע, יהודה, אויב דו ווילסט ניט פאַרשטיין קאַרל מאַרקס׳ן, און אַ גוטן קאָפּ האָסטו אויף זיך, און אַ גוטער בעל־מלאָכה ביסטו, האָב איך מורא, אַז דו וועסט נאָך אַמאָל ווערן רייך, געדענק־זשע, אַז דו שטאַמסט פון אָרעמע האָרעפּאַשניקעס!״ . . .

10

שוין וואָכן, אַז יהודה דזשעיקאָבס, ער בעט, אַז מען זאָל אים רופן יהודה דזשעיקאָבס, איז זייער פאַרנומען מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ער איז באַרימט געוואָרן אין דער נאַכבאַרשאַפט פאַר העלפן

אָרגאַניזירן אַ צערעמאָניע באַם אויפהענגען אַ באַנער מיט די נעמען פון אַלע זין, וואָס זיינען אַוועק אין דער ארמיי, און אויך די נעמען פון זיינע זין זיינען דאָרטן דאָ. ער האָט גערעדט אויפן מאַסן־מיטינג פון די „עלטערן און לערער אַסאָסיאַציע" וועגן אַנטיסעמיטישע פאַלן אין געגנט. ער האָט אַרויסגעוויזן פּיל איניציאַטיווע אין זאמלען ברוכ־אייזן, געבן בלוט און מנדר זיין אויף אלע הילף־אַקציעס אין דער מלחמה.

ער האָט צעשיקט גרויסע סומען פאַר די פאָנדן פון ענגלאנד, כינע און סאָוועטן־פאַרבאַנד און געקראָגן פיל געלט צווישן זיינע באַקאַנטע סוחרים און פאַבריקאַנטן, קויפער און פאַרקויפער, אָנגע־שטעלטע און אַרבעטער. ער האָט אַוועקגעגעבן פיל זייגערלעך פאַר די סאָלדאַטן. ער האָט ניט גערוט קיין מינוט, ער האָט זיך באַוואויגן און באַוואויגן פיל אַנדערע עפּעס צו טאָן.

זיינע קינדער זיינען געוואָרן אַנדערע קינדער. זיין פרוי איז געוואָרן אַן אַנדער פרוי. זיין הויז איז געוואָרן אַן אַנדער הויז. „אַלץ צו געווינען די מלחמה, אַלץ צו פאַרניכטן דעם פאַשיזם, אַלץ צו העלפן דעם אידישן פאָלק!"

און אַן אויפגעלויכטענער און אַ צופרידענער איז ער געוואָרן, נאָר ניט קיין באַרואיקטער. צופרידענער איז ער געוואָרן פון דעם, וואָס ער האָט געפילט, אַז ער טוט עפּעס, טראָגט צו זיין חלק, טראָגט זיך צו צו דער מלחמה מיט געלט, מיט צייט, מיט מי, מיט די זין, מיט זיין גאַנצן לייב און לעבן. נאָר באַרואיקן וועט ער זיך ערשט, ווען ער וועט דערלעבן די נקמה אין היטלערן.

פרייט זיך זיין האַרץ, ווען ס'קומען אָן גוטע נייעסן פון די מלחמה־פראָנטן. איז ער אַ צופרידענער, ווען ער קריגט באַגייסטער־

טע בריוו פון זיינע זין. איז ער גליקלעך, ווען די ראַדיאָ דערציילט, אַז די רויטע אַרמיי האָט פאַרניכטעט נאָך נאַצי־דיוויזיעס. ער פילט, ווי ער וואָלט געווען מיט דער ארמיי און אומ׳ברחמנות׳דיק געשניטן שטיקער פון יעדן פאַשיסטישן סאָלדאַט, פון יעדן היטלערישן אָפיצער. פון אַזעלכע סאָלדאַטן דאַרף מען שניידן שטיקער און וואַרפן פאַר די הינט!

11

ס׳אַ גרויסער טרויער און פּראָטעסט־מיטינג אין ניו־יאָרק. דער זאַל איז איבערגעפּאַקט מיט אַלטע און יונגע אידן, מענער און פרויען. אויף די פּנים׳ער איז אָנגעוואָרפן אַ טרויער, נאָר אין די אויגן ברענט אַ פייער פון קאַמף, פון נקמה, פון פּראָטעסט, פון גרייטקייט זיך מקריב צו זיין.

אויף דער פּלאַטפאָרמע זיצן פאַרטרעטער פון עטלעכע נאַציאָנאַליטעטן, פון עטלעכע רעליגיעס, פון עטלעכע לענדער. רעגירונג-באַאַמטע און פאָלקס־פאַרטרעטער, פאַבריקאַנטן און יוניאָן־פירער.

מען איז געקומען אויסדריקן א טרייסט-וואָרט, אַ מיטגעפיל־וואָרט צו די אידישע מאַסן פאַר די גרויסע שחיטות, וואָס היטלער פירט דורך אויף די אידן אין די פאַרכאַפּטע לענדער; מען איז געקומען אויסדריקן פּראָטעסט און איבערגעבן, אַז דאָס אידישע פאָלק איז נית געבליבן אַליין, אַז אַלע ערלעכע פעלקער וועלן קעמפן צוזאַמען קעגן די קאַניבאַלן; מען איז געקומען פאַרזיכערן, אַז יעדער שולדיקער וועט באַשטראָפט ווערן נאָך דער מלחמה.

איז דאָ, אין זאַל, אַ געמיש פון טרויער און האָפענונג. אַ גע־מיש פון וואָרנונג און פּראָטעסט.

און אויך יהודה זיצט אין זאַל. ער זיצט מיט זיין פרוי מאַר־טאַ. ער זיצט אַ צוגעשמידטער צו זיין פּלאַץ. ער זיצט א קאָפּ־גע־בויגענער צו דער בינע. זיינע אויגן זיינען אָנגעשטעלט אויף יעדן רעדנער. זיינע אויערן נעמען אויף יעדעס וואָרט. זיין האַרץ קלאַפּט האַסטיק. ער זיצט, ווי אַ פאַר'כישופ'טער: „דער כוח פון פאָלק, די קראַפט פון אייניקייט!" . . .

אויף דער בינע שטייט איצט א רב אין אַ סאָלדאַטישער יו־ניפאָרם. אַן אַמעריקאנער מאָדערנער רב, ראַבאַי מאָזעס, וואָס האָט זיך פרייוויליק אָנגעשלאָסן אין דער אַמעריקאנער ארמיי.

„אַ איד, אַ רב, אַ פרייוויליקער סאָלדאַט, ווי סימבאָליש" — האָט אים דער פאָרזיצער פאָרגעשטעלט.

און דער סאָלדאַט האָט גערעדט אויף אידיש, אויף ענגליש און מיט העברייאישע פּסוקים:

ס'איז חנוכה, 1942. און מיר צינדן ווידער אָן ליכט. מיר באַנייען זיך און מאַכן באַ אונדז ליכטיק. מיר דערמאָנען זיך און דערמאָנען עפּעס די שונאים פון אידישן פאָלק . . .

מיר צינדן ווידער אָן ליכט. די חנוכה־ליכט. די חנוכה־ליכט זיינען סימבאָליש פאַר אַלע אידן און פאַר אַלע ערלעכע מענטשן פון דער וועלט. פאַר די אידן, וואָס גלויבן, אַז „נס גדול היה שם", איז חנוכה אַ גרויסע טרייסט, אַ דערמאָנונג, אַז מע האָט געוואָלט פאַרניכטן די תורה, די קולטור און דאָס פאָלק, און מע האָט ניט

געקענט, ווייל מיר זיינען געבליבן לעבן ביז היינט צו טאָג. און פאַר די אידן, וואָס גלויבן ניט אין קיין נסים, זאָגן אָן די חנוכה־ליכט — אַז דאָס פאָלק האָט ניט געקענט קריגן זיין פרייהייט דורך זיצן אין דער היים און זיך נישט אינטערעסירן מיטן כלל, נאָר דורך א העלדישער מלחמה געפירט פון מאַקאַבייער, וואָס האָבן זיך געשלאָגן ווי לייבן, אָװעקגעגעבן זייערע לעבנס פאַר דער פרייהייט פון פאָלק.

„. . . און די חנוכה־ליכט ציגדן מיר אָן באַ די טירן און פענצטער, די שיין פון די ליכט זאָל אַרויסשייגען אויף די גאַסן, אָנצוזאָגן די שונאים פון דער אידישער וועלט, אַז דאָס ליכט איז באַם אידישן פאָלק ניט אויסגעלאָשן געוואָרן, אַז דאָס אידישע פאָלק לעבט און וועט לעבן" . . .

און יהודה איז געוואָרן אַן אויסגעלייזטער. בילדער פונם היינט און פון דעם אַמאָל מאַרשירן דורך פאַר זיינע אויגן; בילדער פון זיין היים און זיין לעבן; פון זיין חדר און זיין זיידן; פון די היס־טאָרישע מלחמות, וואָס אידן האָבן געפירט; פון די פאַרטיזאַנען, וואָס גראָבן אויס די לעבעדיק־באַגראָבענע אידן; פון קאָפּ פון רב, וואָס איז געבליבן שטעקן איינער אליין פון א גאַנצער עדה אידן און געמאָנט מיט זיינע אויגן גערעכטיקייט באַ דער וועלט; פון זיינע העלדישע זין, וואָס קומען אָן צוזאַמען מיט נאָך העלדן פון אידישן פאָלק, מיט העלדן פון אַנדערע ערלעכע פעלקער.

און די אַרמייען גייען און גייען, און באַפרייען פאָלק נאָך פאָלק, און לאַנד נאָך לאַנד, און פריי ווערט די גאַנצע וועלט.

און אף אַ הויכן באַרג, אין מיטן דער וועלט, שטייט א סטאַ־טוע: „אַ קאָפּ פון אַ אידן!" מיט אן אונטערשריפט „ס'איז געוועזן אַמאָל אַ קאַניבאַל, אַדאָלף היטלער האָט ער געהייסן. און ער האָט

געוואַלט אומברענגען די וועלט. און באַזונדערס האָט ער געוואָלט פאַרניכטן דאָס אידישע פאָלק. האָבן זיך פאַראייניקט אַלע ערלעכע פעלקער, האָט זיך פאַראייניקט דאָס אידישע פאָלק פון אלע לענדער פון דער וועלט, מע האָט אַוועקגעגעבן אַלע פארמעגנס, מע האָט אָפּגעגעבן דעם ביסן ברויט, מע האָט אָפּגעצאַפּט פון זיך דאָס בלוט, מע האָט מקריב געווען די בעסטע און די טייערסטע זין און טעכטער און אָפּגערייניקט דעם פאַשיזם פון דער וועלט, באַפרייט די פעלקער און געראַטעוועט דאָס אידישע פאָלק!"

„איז אָט דער קאָפּ פון אַ אידן זאָגט אָן, אַז דאָס אידישע פאָלק האָט צוגעטראָגן צו די גרעסטע אוצרות פון מענטשלעכן שאַפן אַ גרויסן חלק, אַ שיינע קולטור, אַ קולטור, וואָס איז געבראַכט געוואָרן דורך פייניקונגען, רדיפות און שחיטות, אַ קולטור, וואָס איז געבליבן לעבן אפילו, ווען דער שונא האָט באַגראָבן אַ גאַנצן קיבוץ און בלויז איבערגעלאָזט אַרויסשטעקן פון דער ערד אַ קאָפּ פון אַ אידן!" . . .

דעצעמבער, 1942, ניו־יאָרק.

אַ קאָפּ פון אַ אידן

העברעאיזמען — פאַרטייטשט

שלמה — שלוימע.
שחיטה — שכיטע, אויסשלאכטונג.
פנים — פאנים.
בשעת מעשה — בעשאס מייסע — אין דער צייט.
מלחמה — מילכאמע.
טענות — טיינעס, מאנען.
אמת — עמעס.
מגן־דוד׳ס — מאגן־דאווידס.
צלמ׳לעד — ציילעמלעד.
אפילו — אפילע.
דעה — דייע, מיינונג.
גע׳חידוש׳ט — געכידעשט, געוואונדערט.
פשוט — פאשעט.
קונים — קוינים, קויפער.
סוחרים — סאכרים, הענדלער.
פריז — פערעין.
בעלי־מלאכות — באלמעלאכעס, ארבעטער.
משרתים — מעשארסים, באדינער.
צרה — צארע.
אפשר — עפשער.
מאכלים — מייכאלים.
נס — נעס, וואונדער.
בית־עלמין — בייס־אלמין, „סעמעטערי“.

ספר־תורות — סייפער־טוירעס, ביבל.
גמרות — געמארעס,
תלמוד — טאלמוד.
מחזורים — מאכזיירים.
חומשים — כומאשים.
בתי־מדרשים — באטעי־מידראשים, שולן.
שלום־עליכם — שאלעם־אלייכעם.
רב — ראוו.
טלית — טאלים.
תורה — טוירע.
עולם — אוילעם.
מורא — מוירע.
מדבר — מידבאר.
משה רבינו — מוישע ראביינו.
משיח — מאשיאך.
עדה — איידע, געמיינדע.
חיה׳ש — כייעש.
אחדות — אכדעס, אייניקייט.
כבוד — קאווער.
עקשנים — אקשאנים, איינגעשפארטע.
שונאים — סאנים.
חשבון — כעזשבן ,רעכענונג.
גע׳שמד׳ט — געשמאדט, געביטן די רעליגיע.
סימן — סימען.
מה — מויעד.

סך — סאַך.
קבר — קייווער.
פאַר׳חלומט׳ער — פאַרכאַלעמטער.
פכה — פייסער.
מצרים — מיצרייעם.
המן — האַמאַן.
אויס׳הרג׳ענען — אויסהאַרגענען.
חנוכה — כאַנוקע.
גירוש — גיירוש, אַרויסטרייבן.
רדיפות — רעדיפעס, פאַרפאַלגונגען.
חלק — כיילעק.
ישראל — איסראַעל.
נביא׳ישע — נעוויאישע, פּראַפעטישע.
ברכה — בראַכע, וואונטש.
אומ׳רחמנות׳דיק — אַן ראַכמאַנעס.
שכנים — שכיינים.
מאיר — מייער.
שונא — סוינע.
נקמה — נעקאַמע.
יושר — יוישער, גערעכטיקייט.
מקריב — מאַקריוו.
חוב — כויוו.
יהודה — יעהודע.
משפחה — מישפּאַכע.
חדר — כיידער.
רבי — רעבי.
גמרא־מלמד — געמאַרע־מעלאַמעד.
מילא — מיילע.
שנים אוחזין בטלית — שנייעם אכוזן
בעטאַלים.

זה אומר שלי — זע אוימער שעלי.
לחצין — לאַכצן, צעטיילן.
מעשיות — מייסעס.
אותיות — אויסיעס.
נס גדול היה שם — נעס גאַדל האַיאַ
שאַם, אַ גרויס וואונדער איז דאָרט
געשען.
המכבי — המאַכבי, האַמאַקאַבי.
פיקנא — מעקאַנע, אייפערזוכט.
בן — בען, זון.
יעקב — יאַקעוו.
תמות נפשי אם הפלישתים — טאַמוס
נאַפשי אים האַפלישטים, זאַל מיין
קערפער געטויט ווערן מיט די
פלישטים.
קולות — קוילעס.
חלום — כאַלעם.
ברוגז — בערויגעס.
כסדר׳דיקע — קעסיידערדיקע.
מסתמא — מיסטאַמע.
יצחק — איצכאַק.
שבט — שייוועט, טרייב.
חשמונאים — כאַשמוינאַאים.
דור — דאַר.
שמונה־עשרה — שמוינע־עסרע, אַ
טייל פון דאַווענען.
אברהם — אַווראַאַם.
מלאכים — מאַלאַכים.
עקידה — אַקיידע.
קרבן — קאָרבן.

אַ קאָפּ פון אַ אידן

יוסף — יאָסעף.
גזלנים — גאַזלאָנים.
קורח — קוירעך.
מתתיהו — מאַטיסיאַהו.
בשום־אופן — בעשום־אויפּן, קיין פאַל
חבר — כאַווער.
שמואל — שמועל.

ברוך — באָרעך.
מנדר — מענאַדער, גיבן.
פאַר'כישופ'טער — פאַרקישעפּטער.
פסוקים — זאַצן.
כלל — קלאַל.
אוצרות — אויצרעס.

עס גייט אריין אין דרוק א נייע זאַמלונג מלחמה־דערציילונגען:

1. דאָס פינגערל איז פאַר מיין סאָלדאַט.
2. לו ני האָנג גייט זיך שלאָגן.
3. שלאָג זיך בראַוו, פאַר'חלומ'טער שמואל.
און אַנדערע.

לייענער און שטיצער פון דער „סאָבוויי־ביבליאָטעק”, וואָס האָבן אַריינגעשיקט אַ יערלעכן אָפּצאָל פון 1 ביז 100 ד׳

ערשטער ערן־צעטל פון 1943:

זלמן קאופמאן, ברוקלין.
וויטמאן, ברוקלין.
מישה מאראַף, רעדינג, פּאַ.
הרב נ. טווערסקי, טשעלסי, מאַסס.
ג. קיפּניס, פילאַדעלפיע.
דוד גאָלדין, ברוקלין.
י. פּאַסט, ברוקלין.
י. ל. דרוקער, ברוקלין.
י. גודמאן, שיקאַגע
פּ. מוירדער, ברוקלין.
א. וויינבערג, פּרענקלינוויל.

בויש, ניו־יאָרק.
עקס, ברוקלין.
גיטל גאָרעליק, קיו־גאַרדן.
יעקב לעווין, בראָנקס.
נ. וויסבערג, בראָנקס.
ע. וואַרטאַפּסקי, ברוקלין.
קיי פּראַנט, ברוקלין.
יצחק אפרת, וואַשינגטאָן.
ס. פאָגל, בראָנקס.
מאקס סקאָווראָנעק, לאָס־אַנדזשעלעס.
מישה פרידמאן, בראָנקס.

חשוב׳ער לייענער און פריינט!

אויב איר האַלט, אַז די דערציילונג, וואָס איר האָט ערשט פאַרענדיקט לייענען, דאַרף געלייענט ווערן פון יעדן אידן; אַז די דערציילונג העלפט שאַפן איינִיקייט, בעטן מיר אייך:

1. אויסשניידן דאָס בלעטל פאָרזיכטיק, ס׳זאָל ניט שעדיקן די אַנדערע בלעטלעך.

2. אָנשרייבן אַ פּאָר ווערטער אויף דער צווייטער זייט מיט טינט וועגן דער דערציילונג.

3. אויסשרייבן עטלעכע קאָפּיעס פאַר אייערע פריינט און באַקאַנטע, וואָס וועלן זיין פאַראינטערעסירט אויך צו לייענען די דערציילונג.

4. צושיקן עטלעכע אַדרעסן מיט אייער רעקאָמענ־דאַציע, וועלן מיר זיי אַרויסשיקן אַ ביכל און זיי וועלן געוויס באַצאָלן און

5. איר וועט זיין אזוי גוט און באַלד טאַקע אויספילן אַ טשעק, מאָני אָרדער, פּאָסט־מאַרקעס אָדער מזומן, לויט אייערע מעגלעכקייטן און צושיקן אף דעם אַדרעס:

S. DAVIDMAN

3075 Brighton 14th St., Brooklyn, N. Y.

געערטער פריינט ש. דאַווידמאַן!

מיין מיינונג וועגן דער דערציילונג

אייער,

אַדרעס:

איר קענט אויך קריגן די ביכער פון

בנימין קאַץ



1. „שיכעלעך אין חלום" (קינדער־לידער).
2. יעקב שייפער (ביאָגראַפיע).
3. מלחמה־לידער.
4. צען לידער מיט נאָטן.

אַלע צוזאַמען 50 סענט.

איר קענט זיי קריגן אפן דערמאָנטן אַדרעס.

עס זיינען דערשינען אין דער

1000

געשיכטעס פאַר גרויס און קליין

אַ גרויסע צאָל דערציילונגען פון

שלמה דאַווידמאַן

וועגן „די אידן אין דער מלחמה“:

1. דער לערער האָט זיך מקריב געווען.
2. אַזוי וועט זיך ענדיקן די מלחמה.
3. דער מאַטראָס רעדט שוין אידיש.
4. משה דער לופט־וואָרדן.
5. בלוט פון מיין בלוט.
6. איך בין אַן אַמעריקאַנער.
7. אַ לערער—רויט־ארמייער מיט אַ זאַק בלעטער.
8. ווי אַזוי אַ אינגעלע האָט משוגע געמאַכט היטלערן.
9. מאָסקווע רעדט צו מיר אויף אידיש.
10. קאָמאַנדיר שלמה פּאָדאָלסקי.

און אַנדערע.

אַלע צוזאַמען 1.00 דאָלער.

שיקט צו אַ מאָני־אָרדער, קעש אָדער סטעמפּס.

אנציקלופּדיה לתולדות הרבנים

העורך: הרב שמואל אפרים טיקטין

והיו עיניך ראות את מוריך (ישעי׳ ל, כ.)

פּעברואר 12־טער, 1943.

חשוב׳ער מיסטער ש. דאַווידמאַן!

איך האָב דערהאַלטן די מיר פון אייך צוגעשיקטע „סאָבוויי־ביבליאָטעק”, מעשה׳לעך וועלכע שאַפן אמת׳ע הנאה די קינדערשע נשמה׳לעך מיט זייער זאַפטיקן אידיש, רייכן אינהאַלט און צוגלייך זייער גוטע לערע, ווייל זיי קומען זייער פּאָרטרעפלעך נאָך אַלע פאָדערונגען פון דער קינדערשער פאַנטאַזיע, און איר פאַרדינט דערמוטיקונג אַז איר זאָלט קענען אָנגיין מיט דער וויכטיקער ארבעט פאַר דער דערציאונג פון אידישע קינדער. — די „סאָבוויי־ביבליאָטעק” וועט פאַרנעמען אַ וויכטיקן און אָנגעזעענעם אָרט אין דער קינדערשער ליטעראטור וועלט.

איך דאַנק אייך האַרציק פאַר דאָס צוגעשיקטע, ווי אויך פאַר דער גוטער הבטחה אַז איר וועט מיר צושיקן די דערציילונג „א קאָפּ פון א אידן”.

מיט כבוד און דאַנק,

שמואל אפרים טיקטין.